STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07582

OYSGEKHOLEMTER NIGN

Hinde Zaretski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויסגעחלומטער ניגון

הינדע זאַרעצקי

אויסגעחלומטער ניגון

לידער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס
ניו־יאָרק 1973

HINDE ZARETSKY

OISGECHOLEMTER NIGUN

DREAM MELODY

Poems

Copyright 1973 by
HINDE ZARETSKY

Printed in the U.S.A. by

WALDON PRESS, INC.
216 West 18th Street, New York, N. Y. 10011
341

אינהאַלט

ביכער

ביכער ... 9
ווייסע שוואַנען ... 10
וויפל פרילינגס ... 11
אַזוי פיל חלום ... 12
אין וואָרט אין פשוטן ... 13
צעטרייב די וואָלקנס ... 14
טעג ... 15
אויב די זון ... 16
איבער זיצן גרעניצן ... 17
אויף נייעם באָדן ... 18
אויפן אינדזל מאַנהעטן ... 19
מאַנהעטן אַמאָל אַמאָל ... 22
מאַנהעטן פאַרנאַכט ... 24
טויבן אין שטאָט ... 25
באַנען ... 26
געזאַנג פון דער זון ... 27
בלעטער איך קאַפּיטלען ... 28
קאָנטראַסטן ... 30
אונדזערע טרובאַדורן ... 31
אַ פריינט ... 32

אויסגעחלומטער ניגון

אויף באַפרייטער ערד ... 35
די וואונדערלעכע עולה ... 37
דער בעל־חלום ... 39
איר געזאַנג ... 40
ווי אין חלום ... 42
רחל ... 44
טאָג דער זיבעטער ... 45
אויסגעחלומטער ניגון ... 46
ניט געזעטיקט ... 48
אַ משפּחה ... 50
דאָס יינגל ... 54
צום רבין ... 55
שפּעלעך ווייסע ... 57
אַ שרפה ... 59
אַ חתונה אין שטעטל ... 61
ל״ג בעומר ... 63
שטיל ווי אַ ל״ו־ניק ... 64

וויגלידער

בערטאַ זוטנער׳ס רוף ... 67
חוה׳ס וויגליד ... 68
געטאָ וויגליד ... 69
וויגליד (1944) ... 71
אַ וויגליד ... 72
ישראל וויגליד ... 73
אַ מעשה ... 75
טויב, מיין טויב ... 77
וולאַדימיר האָראָוויץ שפּילט ... 78
אַ בעטלערס געזאַנג ... 79
אין זכרון בליט אויף ... 82
אין אַ גאָלדענעם פאַרנאַכט ... 86
אונטערן הימל פון ווילנער גאון ... 88
אַ זון־רויז פאַר מיין פענסטער ... 90
אויפגעוואַקערט ... 91
עס איז דער חודש ניסן ... 93
איר טרויער אַנטקעגן ... 96
אויף אַ געטאָ אויסשטעלונג ... 94
אין בוכנוואַלד לאַגער ... 97
פאַרטיזאַנקע דערציילט ... 98

די נסיעה

וואונדער־רייזע ... 101
אויפן יום־טוב פון וואָרט ... 102
ביי די קאַבריגער וואַסערן ... 104
שניי ... 105
שניי אין ניו־יאָרק ... 107

אויף מיין גאַס 108
דאָס טורעם־הויז 109
ווייסע שעפּעלעך 111
קריגעלעך 112
דיין מיאָ 113
אויף דיינע זיבן ימען 114
אויף מיין באַשערטן וועג 115
מיין דריטער פּאַרק 116
צו דיר 120
איך וואָלט וועלן 121
די נסיעה 122
געזעגנג פֿון אַ סאַבראַ 128

ביכער

ביכער

אין אַלע ווינקלען ביכער,
אין יעדן קלאַנג אַ ליד ;
שלאָגן טוט דאָס האַרץ טיפֿער,
נישט ווערן זאָל עס מיד,

הערנדיק אַ ניגון
וואָס טראָגט זיך שטיל ;
זילבער־טייך טוט וויגן
שטראָמען כוואַליעס קיל.

פֿרילינג־קלאַנגען אין דרימל
ציען צום ליכטיקן האָריזאָנט ;
בלוי איז היינט דער הימל,
צעפּלייצט אין גין־און־גאָלד.

ווייסע שוואַנען

ווייסע שוואַנען זיינען איבערן טייך געשוואומען,
זילבער־רינגען דער טייך האָט פאַרנומען;

האָבן רינגען זיך געפלאָכטן אין וואַסער־רינגען,
צעהוידעט דעם טייך האָבן רינגען אין רינגען.

זון האָט איר פּנים אין זילבער־טייך געבאָדן,
האָבן שטראַלן גינגאָלד איבערן טייך צעשאָטן.

שוואַנען האָבן שנאָבלען אין וואַסער געטונקען,
צו דער שיינקייט פון טייך האָט מענטש געזונגען.

קאָן מענטש ניט שווימען ווי שוואַנען אויפן טייך, —
גייט ער אויף וועגן געשלענגלט און גלייך.

איבער פעלדער צעגרינטע, וועלדער מיט סוד,
זוכט מענטש אין שיינקייט — דעם וועג צו גאָט.

ווײַפּל פֿרילינגס

ווײַפּל פֿרילינגס כ׳האָב דײַן וואונדער געזען
ווייס איך ניט, גאָט, כ׳קען הײַנט ניט צײלן,
מיר דוכט, ערשט נעכטן בין איך קינד געווען,
הײַנט האָט מײַן געביין אַ סך צו דערציילן.

טו איך זיך אויס פֿון הויט און פֿון ביין,
כ׳פֿאַרקלייד זיך אין מײַן שענסטן שמייכל,
כאַטש הינטער מײַן שמייכל — אַ ים מיט געוויין —
כ׳וויל הײַנט ניט פֿאַרשעמען גאָט אין זײַן היכל.

כ׳פֿאַרנעם זיך דעם וועג צום שטאָטישן סאָד,
אין בליאונג די ביימער זײַי שמייכלען אַנטקעגן ;
אין זכרון וואַכט אויף פֿאַרגעסענער גנאָד —
אין וואַלד אין פּאָליעסער שלענגלען זיך וועגן :

איין וועג פֿירט צום וואַלד מיט סודות,
איין וועג פֿירט פֿון אוצרות דעם וועכטער,
איין וועג פֿירט פֿון גליק דעם עדות,
איין וועג פֿירט צו מײַן פֿריידיק געלעכטער.

דאָ האָב איך שוואָמען און פּאָזיעמקעס געקליבן,
דאָ האָב איך געריסן וואַלד־עפּעלעך גרינע,
אויף אַ דעמבענעם שטאָם מײַן נאָמען פֿאַרשריבן,
דאָ האָב איך דערזען גאָט אין זײַן שכינה — —

אַזוי פיל חלום

אין מיין הארץ
איך טראָג אַן אוצר:
אין דרימל ווי ריפּ וואַן ווינקל,
אין שמייכל ווי דער קלוגער בודאַ,
אין חלום ווי דער פאָטער יעקב.

שווער
צו טראָגן אַזוי פיל דרימל,
צו טראָגן אַזוי פיל חלום —
בעט איך, שר פון חלומות,
אויפצובינדן מיין איינגעדרימלט ליד,
גרינגער טראָגן זאָל מיין הארץ
מיין אוצר, מיין חלום:

יעדער שטערן
איך זע ווי אַן אות,
יעדער אות אַנהויב פון אַ ליד.

אין וואָרט אין פשוטן

זאָל מיין ווייטיק
זיך אַרויסבלעטערן
פֿון מיין געמיט,
און דערציילן,
דורך מיינע זיפֿצנדיקע טריט;
מיט אָפּגעטראָגענע שיך
שפּאַן איך אַריין
אין מיין זיבעטן צענדליק
און איך בעט:
זון זאָל אויסברענען
דאָס צעווייטיקטע אין מיר.
דערהייבן מיין געמיט
מיט אַ טראָפּן ליכט,
מיט אַ שטראַל פֿון זון.
מיינע ביידע הענט אָנפֿילן
מיטן אומרו פֿון דער בין,
וואָס ברענגט דאָס ביסל האָניק;
מיטן פֿלאַטער פֿונעם פֿויגל
כ׳זאָל דורכשוועבן
מיינע אָנגעצייכנט-באַשערטע יאָרן, —
דערציילן די מעשה פֿון מיין לעבן,
אין וואָרט, אין פשוטן, אין קלאָרן.

צעטרייב די וואָלקנס

אַ, ווינט,
צעטרייב די וואָלקנס אויף מיין הימל;
דורכלויכטן זאָל אין בלויען רוים,
ווען די שטערן וועלן פֿאַרבלייכן.
דורך פיין בין איך געגאַנגען
אין יענע טריבע טעג,
געהונגערט,
געהאָפֿט:
ערגעץ בויט זיך די בריק
אויף מיין באַשערטן וועג.

אַ, ווינט,
מיש איבער טויזנט קאַפּיטלען,
זען וויל איך דאָס בלאַט,
וואו פֿאַרשריבן ס׳איז
די ערשטע שורה
פֿון מיין פֿריידיק ליד.

טעג

טעג, מיינע בלינדע,
עפֿנט זיך אויף —
דורך ווינטן לינדע
כ'זאָל דערהערן אַ רוף;
כ'זאָל פֿאַרנעמען אַ קלאַנג,
אַ ניגון, אַ פֿריידיק געזאַנג.

טעג אַזוינע
זיינען שוין געווען;
טעג אויך שיינע
איך האָב געזען.
איך ווייס ניט פֿון וואַנען
צעפֿלייצט האָבן זיך געזאַנגען,

און געזונגען
מיט זילבער־קלאַנגען;
דאָס האַרץ צו דערפֿרייען.
זיינען טעג ליכטיקער געוואָרן,
פֿאַר מיין וועלט אין קלאָרן — —

אויב די זון

אויב די זון וועט היינט ניט שיינען,
וועל איך נערן מיינע גיריקע אויגן
אויף די פרילינג-צעבליטע גראָזן,
צו שיינקייטן פון גאָט׳ס באַשאַף נייגן.

די סאָסנע שטייט שטאָלץ אין איר שוויגן,
די היקאָרי וואַקסט שלאַנק און שיין,
דער דעמב אין זיין דורותדיקער גבורה,
די ווערבע טרייסט זיך אין איר געוויין — —

בלומען בלענדן אין זייערע פאַרבן,
צו דער זון צעעפענען רויזן די ליפן;
פעלד-בלימלעך שמייכלען אויף די וועגן,
דער הימל טוט בלויע רחבותן זיפן.

אויף לאַנקעס שפרייטן זיך ליכט-זיילן,
שטיפן יינגלעך אין שליידערן באַלן;
ווערוויקלעך קלעטערן אויף צווייגן,
מיידלעך יאָגן צעשטיפטע און שאַלן.

אין פרילינג-פרייד כ׳האָב זיך געהילט,
אויפן וועג דעם גרינעם געגאַנגען,
ביז די זון ביים האָריזאָנט צעשפילט
האָט אין פאַרבן געטלעכע געזאַנגען — —

איבער זיבן גרעניצן

איבער זיבן גרעניצן פֿון דער וועלט
צעטראָגן האָט זי אירע פֿאַר צענדליק יאָר,
אין אַלע רמח אברים איינגעזאַפּט:
עלנט, הונגער, בענקשאַפֿט.
שפּאַנט זי איבער ניו־יאָרקער גאַסן
און באַזינגט דעם וואונדער,
און באַזינגט די בבל־טורעמס
אין איילנדיק־צערוישטער שטאָט.

אין באַדויער פֿונעם וואָגלער —
אין זיין עלנט,
אין זיין הונגער,
שפּאַנט זי איבער ניו־יאָרקער גאַסן
און באַזינגט דעם וואונדער
אין שיינקייט פֿון איר ליד.

אויף נייעם באָדן

מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן
שפּאַן איך אַנטקעגן
דעם „פֿלעט אייראַן בילדינג" —
ווי אַ שיף שווימט אַריין אין האַפֿן
געלאָדן מיט סודות,
געלאָדן מיט לעגענדעס.

גורלדיק, אין יאָך,
לאָז איך הינטער זיך
גרינע, בלינדע טעג.

ווי נאָך אַ שפּריירעגן דאָס גראָז,
אַזוי גרינען אין דמיון
יענע יונגע טעג —
מיט שטעטלשער שלווה,
דאָ, אויף נייעם באָדן.

אויפֿן אינדזל מאַנהעטן

א

אַנפֿאַרטרויט האָב איך דיר, אינדזל מאַנהעטן,
מיינע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר, פֿון דער ליטע מיין אומעט —
דיין רעגנבויגנדיקער שטראָם, דיינע טויזנטער געוועטן.

ביז היינט לאָקן מיך אַלע דיינע זיבן חנען:
דו, וואָס כאָוועסט אוים אין האַרץ אַ ליכטיקן אומעט,
דו פֿאַרשעמסט, דו דערהייבסט אַכט מיליאָן אַליינען.

דיינע געביידעס — אור־חיות שטרעקן זייערע העלדזער אין חלל —
גיבורים טראָגן אויף זייערע אַקסל דורותדיקע מי;
פּיאָנערן האָבן אויסגעהאַמערט אַט דעם וואונדער־חלום.

אין דיין רעגנבויגנדיקן שטראָם, אינדזל מאַנהעטן,
האָבן זיך מער ווי איינמאָל געבראָכן מיינע מידע קני —
ווען דער בויער ווערט אַ „נול" אין מיטן דיינע טויזנטער געוועטן.

איבער דיינע עוועניוס, צווישן דיינע הימלקראַצער,
געזוכט האָב איך דעם גייסט פֿון לינקאָלן דעם באַפֿרייער —
איז ווער פֿאַרמאָגט די נחלה און ווער איז דאָ דער שאַצער?

ב

אַ גילדענער האָן אויף אַ קלויסטער,
דער טורעם אויף עמפּייער סטייט —
נעם איך אַרויס אַ בלעטל פֿון רייסטער
און דערצייל ווי די מעשׂה גייט:

פּאָר מעסערס, און קאָלדרעס, און צירונג,
האָבן די אינדיאַנער דעם אינדזל פֿאַרהאַנדלט;
האָט זיך איינגעשטעלט אַ נייע פּירונג, —
מאַנהעטן אין אַ שטאָט פֿאַרוואַנדלט.

זיינען שיפֿן איבער ימען געשוואומען,
מיט פּעק, און מיט זעק, און מיט פּראַכט;
עמיגראַנטן זיינען פֿון ווייטע לענדער געקומען,
גלויבן, ירושה אויף נייעם באָדן געבראַכט.

הייזער האָט מען פֿון קאַרע געמאַכט,
ביימער צעזעגט — אויף האָלץ צעשניטן;
משפּחות האָבן איבער זייערע היימען געוואַכט,
גלויבן, רעליגיעס האָט מען ניט געביטן.

אויף אַכצן לשונות[1] האָבן פֿעלקער גערעדט,
שכנים האָבן בשותּפֿות געהאַנדלט, געבויט;
יעדער צו זיין גאָט — אין תּפֿילהדיק געבעט:
„דאָס מזל זאָל באַשיצן פֿון הונגער, פֿון נויט".

דעם באַדן געפּלאַסטערט, געלייגט שטאָלענע שינעס,
לאָקאָמאָטיוון האָט מען מיט פּאָמפּע געלאָזן אין גאַנג ;
אונטערן פֿרייען הימל געגלאַנצט האָבן שינעס,
באַנען האָבן געטאָן לויפֿן מיט גלעקל־געקלאַנג.

דורך האַנדל און וואַנדל האָבן זיך כוחות פֿאַרמאָסטן,
אין קלאַסן צעטיילטע האָט די שטאָט געברויזט ;
סוחרים און הענדלער האָבן אין חשבון אין פּראָסטן,
מיט בויער און מייסטער מער ניט געהויזט —

האָט דער האָן אויפֿן קלויסטער זיך צעבייזערט, צעפֿלאַטערט :
„אין גאָרטן, אויף ביימן וואַקסט ניט קיין טורעם ! —
בויער און מייסטער האָבן יאָרן געפּטרט
צו באַקרוינען די שטאָט אין איר ליכטיקן פֿורעם”.

1) איינע פֿון די אַכצן שפּראַכן איז געווען יידיש.

מאַנהעטן אַמאָל אמאָל

אויפֿן אינדזל מאַנהעטן זיינען וועווערקעס געשפרונגען,
ציגן־בערד אָפּגעווישט האָבן שטויבן פֿון גראָז;
ברוינע קינעדר האָבן געטאַנצט און געזונגען,
אויף אַ בערגל געגאַפֿט האָט צעשראָקאָנער האָז.

טאַטעס געשאָסן האָבן פֿייל אויסן בויגן,
מאַמעס מיט קינדערלעך אויף פּלייצעס
ערד אויפֿגעגראָבן, צו פֿעלד זיך געבויגן;
קוקורוזע געשטויסן, אייזלען געצאַמט אין לייצעס.

וויגוואַמס געפּוצט האָבן מיידלעך די יונגע,
האידאַ! געיאָגט איבער מאַנהעטן פֿעלדער
האָבן יונגען רייפֿע און לידער געזונגען,
ביימער געבאָוועט אין היימישע וועלדער.

פֿייער־טענץ אויסגעפֿירט אין טונקעלע נעכט,
פּרינצעסין פּאָקאַהאַנטעס שענסטע מיידל איז געווען;
דורך בויגן־פֿאַרמעסט האָבן בחורים אין געפֿעכט
פֿאַר דאָס שענסטע מיידל־פּרינצעסין זיך דערזען.

מיט פֿעדערן אויף שטערנס און בויגנס אין הענט,
האָבן אינדיאַנער זייערע תּפֿילות אָפּגעריכט;
אונטערן פֿרייען הימל, צו גאָט זיך געווענדט,
ביז געקומען אויף זייער באָדן איז „בלייכגעזיכט".

שיטערער זיינען געוואָרן אויף מאַנהעטן די וועלדער,
פֿאַרטריבן דעם הירש און דעם האָז פֿונעם באָדן,
פֿאַרסמט די גרינסן, די תּבֿואות אויף פֿעלדער;
דער אינדיאַנער, אין קריוודע, ביז היינט טוט זיך לאָדן.

מאַנהעטן פאַרנאַכט

טוקן זיך לעמפּלעך אין פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס,
שפּאַנען מענטשן מיט אומעט אין פּנים
שטיל אויפֿן ווייסן וועג פֿון בראָדוויי.
פּאַרלעך גרייטן זיך אויף אָוונט־פֿרייד,
מען גייט, און מען גייט, און מען גייט.

בין השמשות פֿעכטן זיך ליכטער,
רעקלאַמעס קליגלען זיך איבער —
צינדן זיך לעמפּלעך, שטערן פֿאַרבלייכן,
אויפֿן ברייטן שליאַך פֿון בראָדוויי
מען גייט, און מען גייט, און מען גייט.

יאָגן אויטאָס מיט וויגנדיקע לעמפּעלך,
אויף ווענט טאַנצן ליכטער און לאָקן
אויף נאַכטיקער, דזשאַזיקער לוסט —
אויף גילדענע סטענגעס ווינקט „מיקי מאַוס”,
מען גייט, און מען גייט, און מען גייט.

קינאָ הייזער, טעאַטערס, בנינים
צעעפֿענען טירן — רייזיקע מײַלער;
שלינגען איין מענטש אין זיין נייגיר,
שלינגען איין מענטש אין זיין לאַנגווייל,
מען גייט, און מען גייט, און מען גייט.

טויבן אין שטאָט

אין שטאָט —
אין בבלדיקן ניו־יאָרק
גייען טעג, פֿאַרגייען אין געאייל,
ווי אָפּגעבליטער בעז אין מאַי.
אין שטאָט —
שלאָגן זיך טויבן פֿאַר אַ זערנע
צוגעטיילט פֿון קאַרגער מענטשן־האַנט ;
שלאָגן זיך טויבן און זוכן אַ ליבע־נעסט.
אין שטאָט —
דרימלען טויבן אונטער געזימסן
פֿון בבל־טורעם, רוען טויבן
נאָך זייער פֿלי דורך זוניקע טעג.

באַנען

באַנען ציען פֿאַר מיין געצעלט,
פֿירן בענקשאַפֿטן אין מרחקים —
צערעדערן שטילקייטן אין מיין וועלט.

שיק איך פֿון דאַנען
איבער שינעס, איבער שליאַכן,
גרוסן דורך בויער אויף באַנען;

זיי פֿירן טעג זייערע יונגע:
בויען דאָס לעבן און לאַנד —
חלום אין פֿריידן צעזונגען.

דורך טונעלן, אויף באַנען,
שיפֿן, דזשעטס, עראָפּלאַנען,
ברענגט מענטש אין ליכטיקן אַנען —
זיין כוח, זיין ליבשאַפֿט פֿון דאַנען.

געזאַנג צו דער זון

דאָס מיידל מיט ברוינע אויגן
האָט געזונגען
צום אויפגיין פֿון דער זון ;
זיינען פֿייגל אָנגעפֿלויגן
און באַפֿליגלט דאָס מיידל
מיט די ברוינע אויגן,
מיט איר ליד, —
און זי האָט געזונגען און געזונגען.

דער גאָלדענער דיסקוס —
אַן אויסגעצוואָגענער הירש
ז׳געשוואומען איבערן הימל ;
געשמייכלט האָט גאָטס וועלט
צום יונגן טאָג וואָס איז פֿריש
און גאָלדיק צעהעלט.

דאָס מיידל מיט ברוינע אויגן
האָט געזונגען
צו דער פֿאַרנאַכטיקער זון,
וואָס גיסט אויס דאָס האַרץ אין פֿאַרבן.
פֿון בערג דערטראָגן זיך געזאַנגען,
טייכן וויגן הימל מיט שטערן צעציטערט ;
דורך פֿעלד און וואלד זינגען מענטשן-קינדער
צו דער נאַכט פֿון רו, צו דער נאַכט פֿון חלום.

בלעטער איך קאַפּיטלען

א. טאַבאַטשניקין
לזכרון

בלעטער איך קאַפּיטלען
אין ביכער געלייענטע;
יינגער ווערט מיין הארץ,
הײַטער מיין געמיט.
כ׳גיי אויף יידיש-עוועניו;
צעבליטע רייד דערפרייען מיינע טריט.

מען קריגט זיך איבער לאָגיק אין אַ זאַץ,
מען פרייט זיך מיט אַן אָריגינעלן גראַם.
ווי אַ גלאָק קלינגט דאָס קול
פון ראַשיקן דיכטער,
ער לייענט אַ ליד
„צום שטרייענעם ריטער".

קאָלעגן צערטלען זיין וואָרט.
אַנטקעגן קומען זיי מיט געזאַנגען,
באַלאַדן און סאָנעטן:
איינער זינגט וועגן „אַ ציגיינערפרינץ",
מיט ליבשאַפט אויסגעפערלט
צום דיכטער פון „אַן איינאונאיינציק אות".

בלעטער איך קאַפּיטלען, —
זייערע געזאַנגען דערקוויקן
ווי קוואַל־וואַסער אַ דורשטיקן אין מדבר.
איצט, אין דער וואָך פֿון דער סדרה
„אַז דו צינדסט אָן" איז אויסגעלאָשן געוואָרן
דער זינגער פֿון „דיכטער און דיכטונג".

קאָנטראַסטן

א

טו זיך אוים פֿון אַל־דאָס וואָכעדיקע,
גיי אַריין אין לויטער ווערטערלאַנד ;
קלייב אָפּ דאָס זויבער, זויבער־ווערטיקע,
לאָז פֿירן זיך פֿון דער צויבער־האַנט.

ב

דאָס געגאַרטע וואָרט איז ניט געקומען,
דערפֿילט האָב איך זיך אָבלדיק, שטום,
מיין געביין האָט עלנט און פּיין פֿאַרנומען —
תּפֿילה׳דיק כ׳טראָג מיין הונגער פֿרום.

לייענענדיק ג. ב. מינקאָווס
„סאָציאַלע דיכטער"

אונדזעדע טרובאַדורן

פֿון מאָנפּאַרנאַס זיינען זיי ניט געקומען —
צו דערהייבן שאַפֿער פֿון גרויע זאָרגן;
וואונדער האָבן יענע דיכטער פֿאַרנומען,
דורך אָדלער-בליקן געצייכנט ליכטיקן מאָרגן.

ביי דער מאַשין זייער חלום געשפּונען —
אין געשאַל צום ליכטיקן טאָג וואָס באַנייט,
האָבן אונדזערע טרובאַדורן פֿרייד באַנומען,
חלומענדיק, זיך אַליין פֿון יאָך באַפֿרייט.

ברידערלעכע ליבע זייער ליד איז געווען —
ניט פֿון ווייטע שטערן האָבן זיי געזונגען;
אין גרויסן פֿאַרמעסט — צוויי כוחות דערזען —
זייער פֿלאַמיקער רוף הערלעך האָט געקלונגען.

א פריינט

אַ בוך איז אַ פֿריינט,
אַ ליד — אַ געזאַנג,
ניט מאָרגן, נאָר היינט,
שטעל ערשטן אות אין גאַנג.

קייטלען זיך אותיות
אין ריינעם געמיט;
מיט ווײַן פֿולע כּוסות
דערפֿרייען וואַגלערס טריט.

דערציילט וואַגלער פֿון זאָרגן
אויף גאָט׳ס גרויסער וועלט:
— ניט היינט, נאָר מאָרגן,
שטראַלן וועלן זיין צעהעלט.

— איצט, היט די טעמעס
פֿון דיינע לידער פֿאַרהוילן,
ניט ווייך אָפּ פֿון אמת —
דערצייל פֿון פֿרייד, פֿון גרוילן.

אויסגעחלומטער ניגון

אויף באַפרייטער ערד

זיבן קעמלען, אויערן — לאַצן צעשפּרייטע,
זיצן זיבן זעלנער פון יידישן לעגיאָן גרייטע:

צו לאָזן זיך אויפן איינגעדרימלטן מדבר־וועג,
באַפרייען דעם באָדן אין אונדזערע שווערע טעג.

דער מדבר ליגט פאַרהוילן אין סודותדיקן דרימל,
אויף זאַמד־דיונעס שפּאַנען קעמלען צום הימל.

זינגען זיבן זעלנער שטיל, צום בורא, מיט בטחון:
„דו האָסט צוגעזאָגט אויסלייזן אברהמס שטאַם פון יאָכן".

אונטער דער מזרח־זון שרפהט דער מדבר־גוף,
שפּאַנען קעמלען אויף זאַמדן־טרעפּ אַרויף, אַרויף.

זעלנער בליקן, ווי די אָדלער, זוכן דעם באַדייט:
אויפשפּאַלטן רעטעניש פון ספינקס, אין דער נייער צייט.

פון יענער זייט האָריזאָנט האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג,
צו די זיבן זעלנער, אויף קעמלען אין מדבר־גאַנג;

די הגנה, געפּעסטיקט מיטן גלויבן — שטאַרקער פֿון טויט,
לערנט די קריגערישע וועלט צו בייטן איר הויט — — —

נאָך צוויי מעכטיקע זיילן — חן און דער פּלמ״ח,
געלייגט איז דער יסוד לויטן סדר פֿון תנ״ך.

אַנטקעגן קומט דער רייטער אויפֿן ווייסן פֿערד —
צו יובלען מיט אברהמס שטאַם אויף באַפֿרייטער ערד

פרעמיער גאָלדע מאיר אַ ווידמונג

די וואונדערלעכע עולה

איז געקומען אַ טאָכטער פֿון מילוואָקי
אין היימלאַנד,
מיטן עול פֿון וואַנדער־וועגן.

מיטן בליק האָט זי געגלעט
יעדן טאָל און יעדן היגל,
זיינען איר אַנטקעגנגעקומען:
רבקה מיטן וואַסער־קריגל,
דורשטיקע קעמל אַנצוטרינקען —
די פייקלערין, מרים הנביאה
פֿון נסים האָט דערציילט,
און די זינגערין דבורה
האָט געכישופֿט מיט איר ליד.

פֿול ווי אַ לאָגל,
מיט נסים און געזאַנגען,
איז די טאָכטער פֿון מילוואָקי
אין קיבוץ געגאַנגען.
שטיינער געהאַקט,
מאַלאַריע־זומפּן געטריקנט;
ביימער געפֿלאַנצט אויף נאַקעטע בערג.

פֿאַר אירע אויגן
האָט זיך צעפּלאַפּלט דער ירקון ;
מיט קרישטאָלענע וואַסערן
געזונגען האָט די זון ;
ווייטער נגב נאָענט איז געוואָרן,
זיינען סאַבּרעס אַהין געפֿאָרן
דעם נגב צו דערקוויקן —

און דער נשיא המדינה
האָט דורך מנורה־רערן
די קוואַלן געצונדן, —
און, גאָט לכבוד,
האָט דאָס פֿאָלק ישראל געזונגען
אַ מזמור פֿון דוד.

און די זיבן מנורה־רערן :
גאָט׳ס אויגן
וועלן מער ניט וואָגלען,
וועלן מיר ניט וואַנדערן — — —

דער בעל־חלום

ס׳איז ניט פֿון גלאָק דאָס צינגל,
וואָס וועקט און רופֿט דעם קלאַנג —
ס׳איז די האַנט וואָס ציט דאָס שטריקל
און באַפֿרייט פֿון גלאָק דעם דראַנג.

ס׳איז ניט דער שטח צווישן בערג,
וואָס דערווייטערט זיי אין רוים —
ס׳איז די טואונג דורך די טעג,
וואָס וועבט דעם אייביקן טרוים.

ס׳איז ניט דאָס גאָלד און זילבער,
וואָס לויכטן דורך די מינעס —
ס׳איז די האַנט וואָס גראָבט אַרויס
די אוצרות, די עשירות.

ס׳איז ניט די פֿיש אין טייכן,
וואָס רודערן דורך די שטראָמען,
ס׳איז די בריקן איבער טייכן,
וואָס ווישן אָפּ די תהומען.

ס׳איז ניט דער הויכער טורעם,
וואָס שטרעקט זיין האַלדז אין חלל,
ס׳איז דער בעל־חלום נאָך פֿורעם,
וואָס טוט פֿון שלימות חלומען — — —

הינדע זאַרעצקי

פֿאַר רחל ה. קאָרן

איר געזאַנג

אויף איר „דאָרף" כ'וועל אָפּט אַנטרונען —
ציטערן מיינע אברים ביז די שפּיצן־פֿינגער,
שפּאַן איך איבער פֿעלד און וואַלד,
דאָרפֿס־לייט אַקערן, הונגערן און זייען.

די פֿאַרלאָזטע יונג־פֿרוי
הונגערט אונטערן פֿלאַם פֿון לעבן, —
קינדערלעך
מיט אויפֿגעלאָפֿענע בייכלעך וויינען, וויינען,
דורך די נעכט —

די אַלטע האַנקע
אָפּגענומען האָט קינדערלעך אויפֿן שוועל פֿון טאָג;
ווער קען דערציילן פֿון איר שליחות?
ווער קען דערציילן פֿון איר גוטסקייט?

איר אייניקל איוואַן —
אויפֿגעהויבן האָט זיין האַק.
איבערגעשניטן דער אַלטער האַנקעס גוטסקייט,
אויסגעלאָשן דער אַלטער האַנקעס ליכטיקייט.

⁂

אויסגעחלומטער ניגון

איבער גרעניצן פֿון דער וועלט
געוואָגלט האָט די זינגערין פֿון „דאָרף״ ;
אין אָבלדיק געמיט אָנגעקומען
צו די ברעגן פֿון דער פֿרייער אַמעריקע.
אויפֿן יום־טוב פֿון וואָרט האָב איך זי געטראָפֿן,
אויפֿן יום־טוב פֿון וואָרט האָב איך זי דערזען — — —

ווי אין חלום

אויפֿגעשטאַנען בין איך מיטן מאָרגנשטערן,
געגאַנגען, געגאַנגען אויף אַ ברייטן שליאַך;
דאָס איז געווען אינעם לאַנד פֿון תנ״ך.

אַנטקעגן מיר אויפֿן מדבר־וועג דעם שווערן,
אָנגעקומען איז אַן אַלטער, די אַקסל געבויגן;
זיין בליק קלאָר — געצונדענע אָדלער־אויגן.

די זאַמדן בלענדן אין ליכטיקן באַגינען,
דער מדבר ליגט אין סודותדיקן דרימל;
שפּאַנען מיר שווייגנדיק אונטער גאָט׳ס הימל.

אין אונדזער שווייגן טו איך זיך באַזינען:
— טייערער זיידע, וואוהין ציען די קאַראַוואַנען,
ביים האָריזאָנט, אַזוי ווייט פֿון דאַנען?

דער אַלטער שטעלט אָפּ זיין טראָט
ציט אַרויס דאָס קלומעקל אויפֿן פּלייצע:
— טאָכטער, ווייניקער פֿרעגן איז מיין עצה.

— שווייגן, דאָס איז אַ הייליקער געבאָט.
גייען מיר און גייען ניט ווערנדיק מיד;
פֿאַרביי ציען חיילים אין זיכערע טריט.

אויסגעחלומטער ניגון

די מזרח־זון צעגיסט זיך איבערן הימל ווי ווייַן.
שפּאַנען קעמל אויף זאַמדן־טרעפּ אַרויף, אַרויף ;
חיילים וואַכן איבער אויסלייזערין מיטן שלום־רוף.

אונטערן פלאַמיקן הימל און געטלעכער שייַן,
אויפגעלויכטן האָט דער אַלטער מיט אָדלער־אויגן
און מיטן קלומעקל, מיט מייַן חלום פאַרפלויגן — — —

⁂

פאָרן חיילים און פאָרן אויפן ברייטן שליאַך,
צו פאַרהיטן די גיטער אינעם לאַנד פון תנ״ך.

רחל

דיין טאַטנס טיש האָסטו פֿאַרלאָזן,
אויך דיין פּאַליטרע און די פֿאַרב;
אין לאַנד פֿון די אָבות זיך געלאָזן
אַ יונגע, אַ רייפֿע ווי אַ גאַרב.

איבער ימען האָסטו זיך געלאָזן,
כוואַליעס געשלאָגן — לייבן ווילד;
נאָך לאַנג ביז ס׳האָט גענומען טאָגן,
דיין פֿלאַמיקן חלום אין שוימען געהילט.

דיינע שעווראָענע שיך האָסטו פֿאַרשליידערט;
אין מדבר געברענט דיינע באָרוועסע פֿיס;
דאָס גאָלדן-געשפּאַן פֿון זיך דערווייטערט —
עבודהביים כנרת איז דיר געוואָרן זיס.

דיינע הענט געשטאַרקט ביי דודס שטערן,
האָסט געמישט אַ פֿאַרב אינעם וויסן-בלאָ;
די פֿאַרב האָט געבלענדט מיטן ליכטיקן שטערן,
איך בענטש יענעם מאַי — די אייביקע שעה — — —

טאָג דער זיבעטער

עס איז שטיל אין פֿאַרחלומטן באַגינען,
זון-שטראַלן קושן אַראָפּ טוי אויף בלומען;
פֿון אַלע וועגן פֿלאַנצער און זייער קומען,
חרובע טעג און מינוטן אַנטרינען — — —

יעדערער טראָגט אַ שפּור פֿון יענע גרוילן,
וויקלט זיך אַרויס פֿון טרויער, פֿון ליידן;
דאָס לאַנד צעבליט איז אין זומער-פֿריידן,
צער אין הייליקן דערמאָנען איז פֿאַרהוילן.

פֿאַר ירושלים השלימה, אונטער אָפֿענע הימלען,
לערנט מען שכנים דורך בויען שלום-וואָפֿן;
ישראל שומרים ניט כאַפּן וועט מען דרימלען, —

טראָגט דאָס פֿאָלק אין זיך אייביקן האָפֿן,
אין בלוט און פֿייער אויסגעברענט נצחון,
טאָג דער זיבעטער האָט אויסגעשמידט בטחון.

אויסגעחלומטער ניגון

דער אויסגעחלומטער ניגון
שטראַלט אַרוים פֿון ישראל,
און מרים געטאָן האָט זיך וויגן

מיט פּויק און מיט צימבל אין האַנט,
געטאַנצט אַנטקעגן בני ישראל
ביים אַריינגיין אין צוגעזאָגטן לאַנד.

נאָכן אָנשרייבן אַ קאַפּיטל תהילים
געטאַנצט אַרום משכן האָט דוד,
טאַנצנדיק געזונגען אַ געזאַנג,
זיין געזאַנג — אַ מזמור פֿון דוד.

אויפֿן האַרף געשפּילט האָט דוד
זיין אויסגעחלומטן ניגון ;
געהיט דעם שווערד און די שילד —
און געפֿירט דאָס פֿאָלק צו זיגן.

געקושט האָט ארץ ישראל באָדן
דער משורר ר׳ יהודה הלוי,
לדורות וועט לויכטן זיין חלום,
זיין געזאַנג אין ליכטיקן בליען.

אויפֿגעאַקערט דעם באָדן האָט דער חלוץ ;
אויף תנ"ך'ישע טאָלן און בערג
גאָטס לויטערער טוי האָט געטריפֿט —
אונטער מזרח הימל אויף גאָטס ווערק.

זינט מרים ט'געזונגען צו בני ישראל
שפינט זיך ביז היינט דער אייביקער ניגון :
פֿון דעם בעל שם טוב ר' ישראל
ביז דאָס געזאַנג פֿון פלמ"ח טוט זיך וויגן.

ניט געזעטיקט

געקומען בין איך
אין דער צויבער־וועלט,
אויפֿן שוועל
פֿון פֿאַרחלומטן יאָרהונדערט.
זאַמדן אויפֿן באָדן
פֿון מיין ליטוויש שטעטל
געפֿינקלט האָבן אין זויבער.

דער האָריזאָנט —
וואו הימל קושט די ערד,
מיין אָטעם האָט געצונדן.
זילבער־טייכן
געוויגט האָבן די זיבן הימלען.
צעבליטע זומערן
געצייטיקט האָבן פּירות,
זונשטראַלן צעליכטיקט האָבן דעם חלל.

געפֿיבערט כ׳האָב
ביז די שפּיצן־פֿינגער
מיטן אלף־בית און מודה אני,
אותיות געגרייזלט,
מעשיות געשריבן,
געסדרט זיי אין שורות —
געטורעמט אין סטראָפֿן.

זינט יענעם פֿיבער
ניט געזעטיקט איז מיין הונגער, —
דורכגענומען מיטן דורשט
ווי דער וואָגלער אין מדבר.

הינדע זאַרעצקי

מיין מוטער לזכרון

אַ משפחה

אין די ווינטער לאַנגע אָונטן,
אין די פּראָסטיק קאַלטע נעכט,
פֿלעגט די מאַמע,
מיט אַ תּפֿילה אויף די ליפּן,
פֿרעגן:
„גאָט, איז מיין מזל-שטערן אויסגעלאָשן?
ניט געצייטיקט האָבן מיינע פּירות?
ניט געקושט האָבן זון-שטראַלן מיינע זאַנגען?
דו האָסט מיין טראַכט געבענטשט
מיט זיבן ליכטיקע קינדער.
דריי מלאכימלעך האָסטו צוגענומען —
יינגער מאַכן דעם הייליקן אָרט.
פֿיר מתנות — אין טרייסט,
לויכטן זייערע פּנימער ביי מיין אָרעם טיש.
קוועלט, ס'ציטערט מיין האַרץ
פֿאַר זייערע שטערן-מזלות;
פֿאַר זיי,
גאָט, מיין לעבן בין איך מפֿקיר".

די ערשטע,
מיט אַ האַרץ פֿול חלומות
איבערן אַטלאַנטיק זיך געלאָזן,
אין לאַנד פֿון אייבערעהעם לינקאָלן —
דער באַפֿרייער פֿון די שקלאַפֿן.
פֿון שענקל אַרויסגענומען דאָס העפֿטל,
וואו ס׳האָבן געדרימלט
אירע פֿאַרשריבענע מעשׂות און גראַמען.
אין שטרוי־געבעטן שליטן זיך אַריינגעזעצט,
דורך פּאָליעסער וואַלד געיאָגט האָט דער אָגער
פֿון פּראָסטיק־געפּאַנצערטער שטעטל אַרויס,
נאָכגעיאָגט האָט דער מאַמעס שטילער געוויין.

די צווייטע,
אַרויסגעפֿאָרן אין אַ דערבייאיקעד שטאָט,
אין גרויסן שוועבל־פֿאַבריק זיך פֿאַרשריבן ;
טויזנט שוועבעלעך אַ טאָג געטונקט, געציילט,
ביז דער סירקע־ריח
פֿאַרטשאַדעט האָט איר וועלט — — —

דעם בן יחיד
באַקליידט האָט די מאַכט אין אַ מונדיר
פֿון דער רויטער אַרמיי, —
געטריי געצילט דאָס געווער אַנטקעגן שונא,
אָפּגעשטויסן באַנדעם פֿון „פֿאָטערלאַנד".
געיובלט אויף יעדן זיג, אויף דער פֿרייהייט,
ביזן גרויסן „לחיים" פֿון די „בלוט-ברידער".
האָט מען דעם בן יחיד מיט טויזנטער יידן
אויסגעטאָן די רויטע מונדירן —
און פֿאַרקליידט מיטן צייכן: „קאָסמאָפּאָליטן„ — — —

די מיזינקע
געזאָגט האָט צו דער עלנטער מוטער:
„מאַמע, מאַמעלע טייערע,
שטענדיק וועל איך זיין מיט דיר, שטענדיק!
מירן זיך ניט שיידן, ווי עס דערציילט זיך
אין דער שיינער מגילה פֿון שבועות;
די שנור זאָגט צו איר עלנטער שוויגער:
'כ'וועל גיין מיט דיר, דיין גאָט איז מיין גאָט' ".
און זיי האָבן געוואַרט אויף בריוו פֿון די קינדער,
און זיי האָבן געחלומט וועגן גוטע, זאַטע טעג — — —

א שווערער ווינטער האָט זיך געשטעלט,
די מלחמה האָט זיך פאַרשטאַרקט,
אַלע גרענעצן זיינען פאַרווישט געוואָרן.
ניטאָ קיין בריוו פון די קינדער,
ס׳קומען ניט קיין שפּייז־פּעקלעך פון זיי.
געבליבן ליגן פאַרשלאָפט איז די מאַמע,
האָט די קליינע אַלאַרמירט אין שטעטל!
געקומען איז שלמה׳קע דער דאָקטאָר
צו רייטן אויף זיין ווייסן פערד,
ער האָט געזאָגט צו דער פאַרוויינטער טעכטערל:
„זיי שטאַרק מיין גאָלד, זיי שטאַרק".
דריי טעג פאַר חנוכה האָט דאָס ייִנגסטע קינד
באַגלייט די עלנטע מוטער צו איר אייביקער רו,
לעבן איר מאַן און לעבן אירע קינדערלעך דריי.

⁂

דורך זיבן גרענעצן האָט די קליינע געוואַנדערט —
אַ מידע, פול מיט צער און בענקשאַפט
אָנגעקומען אין לאַנד פון אייבערעהעם לינקאָלן,
וואו זי שטאַרקט זיך אַרום אירע ליבע קינדער,
וואו זי וואַרעמט זיך אין דער שיינקייט
פון אירע גערעטעטנע אייניקלעך.
פלאַטערט אַ מלאך מיט בלויע פליגל,
איבער דער גאַנצקייט, איבער דער פרייד
פון אַ נייער, אַ ליכטיקער משפחה.

לייענענדיק „יונגע יאָרן"
פֿון י. י. שוואַרץ

דאָס יינגל

א

אין ליכטיקן באַרוועס האָט דאָס יינגל זיך געשפּילט,
גאָטס טוי און די גרעזער זיינע פּיס האָבן געקילט;

אויף דער לאַנקע אונטערן בלויען הימל געשטיפּט,
שטראַלן מיט גאָלד און מיט ליכט האָבן געטריפּט.

דאָס יינגל האָט נאָך פּלאַטערלעך זיך געיאָגט,
פּלים-פּעדערן האָבן שטאַרק אים געלאָקט.

גילדענע בינען געפּלאַטערט איבער בלומען,
שטיפֿעריש איז דאָס יינגל צוגעקומען

מיט אַ ריטל די בלומען געהוידעט, געוויגט,
אונטער דער זון דורכן טאָג זיך געקוויקט.

אין זיין שטיפֿערישן שמייען, אין סאַמע שפּיל,
האָט דער טאַטע צו אים געזאָגט פּאַטערלעך שטיל:

„מיין זון וואַש אָפּ דאָס פּנים, טו זיך אָן שיך,
ביים רבין דאַרף מען ווייזן אַן איידעלן שטריך".

זיינען פֿאָטער און זון דורכן וואַלד געגאַנגען,
אונטערן הימל האָבן זיך געטראָגן פֿייגל-געזאַנגען.

צום רבין

ב

פֿאָטער און זון געשפּאַנט האָבן דורך קאָוונער וואַלד,
פֿלאַטערלעך און שוואַלבן זײַנען אין חלל געפֿלויגן;
דער פֿאָטער געאײַלט אין זײַן טראָט צום קאָוונער רבין,
דער זון האָט געזעטיקט מיט שײנקײטן זײַנע אויגן.

דורך סודותדיק, געדיכטן, וואַלד דעם אַלטן;
צום רבין פֿירט אַן אויסגעטראָטן־סטעזשקע גלײַך,
צווישן הייכע סאָסנע־בײַנער, דיק־געבעטן מאָך,
געצויגן האָט זיך דער וועג פֿאַרבײַ ניעמאַן־טײַך.

ווי אַ האָדעס געשטאַנען דעם רבינס שטיבל אויף אַ באַרג,
אַנטקעגן די געסט דער רבי איז אויפֿן שוועל אַרויסגעקומען;
מיט זײַן הדרת־פּנים געשמייכלט צו די ליבע געסט,
„שלום עליכם, טײַערע געסט”, ט׳דער רבי זיי אויפֿגענומען.

אויפֿן טיש געלויכטן האָבן ספֿרים אויף ספֿרים,
דער רבי געבלעטערט האָט מיט זײַנע סאַמעט־הענט
איין ספֿר נאָכן צווייטן, מיטן גאַסט אַ וויכוח געפֿירט;
די שײנקײט פֿון רבנישע רייד האָבן ליכטיק געבלענדט.

דאָס יינגל האָט זיין שטאָלטנעם פֿאָטער נישט דערקענט :
די שוואַרצע באָרד האָט געפֿלאַטערט אין וויכוח מיטן רבין ;
איין פּסוק נאָכן צווייטן אויסגעזונגען האָט דער פֿאָטער,
ביידנס הענט אין דער לופֿט געטאָן האָבן שוועבן —

פֿאָטער און זון זיינען דורכן וואַלד אַהיים געגאַנגען
און דאָס יינגל געטאָן האָט דעם פֿאָטער פֿרעגן :
— טאַטע, וואָס איז דער טייטש פֿון וואָרט 'מחבר זיין' ?
— איך בעט מיין זון, דו זאָלסט גיין אויף יענע וועגן — — —

שעפּעלעך ווייסע

הויך, הויך, אויף בערג און אין טאָלן,
געפּיטערט האָבן זיך שעפּעלעך ווייסע,
מיט שאַרפע ציינדלעך געטאָן האָבן זיי מאָלן

גרעזער, קערלעך, פעלד-בלימלעך בלויע.
אין יינגסטן באַגינען צעעפּענען זיך טויערן,
סטאַדעס שעפּעלעך צעיאָגן זיך אויף קלויען.

צינגלעך דורשטיקע דאָס טוי טוען לעקן,
צופּן קערלעך זייער הונגער צו שטילן,
און שטייסן זיך און ברומען און מעקען.

אויף זיין פייפל דער פאַסטעך טוט שפּילן
צום הימל, צו דער גאָלדענער זון אין פעלד,
צום פרישן, צום יאָגנדיקן ווינט וואָס טוט קילן

געדיכטע וואָל-גרויזן פון שעפּעלעך אין ברומען;
זיי שווימען אויף בערג — וואָלקנדלעך ווייסע.
סוף טאָג גילדענע בינען אין זעט טוען זשומען.

הויך, הויך, אויף בערג און אין טאָלן,
געפּיטערט האָבן זיך שעפּעלעך ווייסע,
מיט שאַרפע ציינדלעך גרעזער זיי מאָלן.

שפּילט דער פאַסטעך אַ פאַרנאַכטיקן ניגון,
שעפּעלעך הערן זיך איין אין פאַסטעכס רופן,
זיי טראָגן זיך פון בערג און טוען זיך וויגן:

זאַט, מיט זון, מיט ווינט און מיט ניגון — — —

הינדע זאַרעצקי

מיין פֿאָטער לזכרון

געהערט האָב איך

היינט ביינאַכט
געהערט האָב איך דיך לערנען,
אַהיים גענומען האָט מיך דיין גמרא־ניגון.
כ׳האָב געזען דיין זאָרג אויפֿן
גרויסן, ליכטיקן שטערן,
געראַנצלט אין קנייטשן.
דוכגעפּערלט —
אויפֿן פּנים חצות־טרערן.

דורך די נעכט געצערטלט
דיינע געזאַנגען צו מזרח,
אין דיין חלום איינגעשפּונען
די בענקשאַפֿט נאָך ירושלים.

אַ שרפה

אין מיטן נאַכט
האָט זיך אַ גאַס צעלאַכט —
געברענט האָבן
זיבן הייזער אויף אַ מאָל ;
איך האָב מיין טאַטן ניט דערקאָנט.

געשטאַנען איז ער אויפֿן דאַך,
דער ווינט געפֿלאַטערט האָט זיין לאַנגע באָרד,
וואַקלאַנאַליע־פֿונקען אין קרייזן
געפֿלויגן פֿון פֿלאַם אַרויס ;
עמערס וואַסער ער האָט געגאָסן
פֿייערצונגען צו פֿאַרצוקן.

קלויסטער־גלעקער צעקלונגען האָבן די נאַכט :
פֿאָזשאַר ! פֿאָזשאַר ! ס׳ברענט !
זיינען קינדער אָנגעלאָפֿן
אין נאַכטהעמדער, באָרוועסע,
שטיקער פֿלאַם אין קינדערשע אויגן
ווי שטערן געלויכטן אין דער נאַכט.

פֿייערלעשער אין שפּיציקע היטעלעך
דורך לאַנגע גומע־רערן
וואַסער געפּאָמפּעט פֿון הייכע פֿעסער —
פֿייער מיט וואַסער אין געפֿעכט.
מיין טאַטע,
ווי נח פֿון דער תּיבֿה אַרויס,
געלאָשן האָט כוואַליעדיקע פֿלאַמען
פֿון צעצונדענע שינדלען אויפֿן דאַך.

אַ חתונה אין שטעטל

גנח'קע דער קאַפּעלמייסטער
דאָס שטעטל האָט דערפֿרייט.
זיין קאַפּעליע:
בערעלע דער פֿידלער,
פֿייווקע אויפֿן פֿלייט,
און דער פּויק
פֿאַרשטעלט האָט שמערלען מיטן באַס.

אוי פֿלעגן זיי אויפֿשפּילן אַ פֿריילעכס,
פֿירנדיק חתן־כּלה צו דער חופּה!
טאַטע־מאַמע אין תמימותדיקע טריט,
די מומע ראָדע
מיט אַ קוילעטש אויפֿן האַנט־פֿלאַך
געטאַנצט האָט אין דער מיט.

מחותנים אין שמחהדיק געמיט;
גליק־וואונטשן: „מזל־טוב, מזל־טוב!
אין גיכן ביי אייערע טעכטער".

גאַסן־קינדער זיינען אַנגעלאָפֿן,
אַ קוק אויף חתן־כלה און טויץ
מיט דער מומע ראָדע אין טאַנץ;
וויגן זיך קינדער אין קאַראַהאָד,
די מומע ראָדע אין דער מיט
און מיט דער זילבערנער לבנה — — —

ליכט געצונדענע האָבן געפֿלעמלט,
זיך געטוקט אין סוד פֿון לעבן —
נאַכטיקער הימל געכישופֿט האָט
אונטערן ציטער
פֿון בערעלעס שפּילן אויף זיין פֿידל;
מענטש און ניגון
געוויקלט האָבן זיך אין הימל־שלייערן,
און ליכטיק פֿינקלענדיקע שטערן
געוויגט האָבן אַ מעשה צו דער וועלט — — —

ל״ג בעומר

טיף אין דעם וואַלד דער פּאַליעסער,
וואָס כּאָוועט געוויקסן, פֿייגל און חיהם ;
דער וואָלף, די שלאַנג און דער פֿוקס —
גאָטס באַשעפֿענישן, די ווילדע חיהם.

פֿול איז דער וואַלד מיט סוד, מיט לעגענדע,
אין וואַלד זינגען פֿייגל און דער נאַכטיגאַל.
ל״ג בעומר קומען יינגלעך „בערעלעך״ קלייבן
זיי ווערן אָפּגעשאָטן : פֿון ביימער קערלעך פֿאַלן.

געוואָרפֿן האָבן זיך יינגלעך מיט „בערעלעך״,
געפֿרייט האָט זיך דער רבי אויך מיט זיי, —
געהילך אין וואַלד פֿון שמערעלעך אין שפּיל,
ווידערקול צעקלונגען אין שטיפֿעריש געשריי.

אין חודש ניסן דער וואַלד דער פּאַליעסער
צעגרינט איז, אין טרויער ער היט דעם סוד :
ניטאָ די בערעלעך, די שמערעלעכס געזאַנגען, —
רוצחים אויסגעלאָשן האָבן ליכטער פֿון גאָט.

שטיל ווי אַ ל״ו׳ניק

שטיל ווי אַ ל״ו׳ניק גייט ער זיין וועג ;
נאָכקוקן אים ווערן ליכטיקער די טעג.

טראָגט ער אין זיין האַרצן אַ געזאַנג,
ווערט תּפֿילהדיק און ריין זיין גאַנג.

מיט שבתדיקע יידן אָטעמט זיין ליד,
אויפֿן באָדן ביים מיל קייטלען זיינע טריט ;

זיי האַרעווען און דינען דעם בורא עולם,
אין זיין געזאַנג וועלן זיי לעבן לעולם.

פֿון זשוכאָוויצער באָדן, וואו סאָסנע־ביימער צעבליט,
פֿאַרטראָגן אַהער האָט ער זיינע בענקענדיקע טריט.

איך זע אים אין גאַס, אַקסלען געבויגן,
זיין שטעקן מיטן אָדלער־קאָפּ צעפֿלויגן — — —

אין זיין היים, געוואָרעמט צווישן ספֿרים־ווענט,
געזויבערטע ווינקלען דורך זיין גאַזעלאַס הענט.

וויגלידער

בערטאַ זוטנער׳ס רוף

ביכער לאָקן מיך
פֿון ביכער־שראַנק ארויס.
רוקנס ווי מענטשן־פּנימער ווארעמען;
ריר איך אָן טאָוולען,
מיט גיריקע פֿינגער בלעטער איך ביכער
און לייען, און לייען.

זייערע געזאַנגען
פֿאַרטרייבן מיין זאָרג, מיין פּיין.
פֿון ביכער אויסגעלייענטע וואַכן אויף
חכמה, גוטסקייט, אמת.

בערטאַ זוטנער׳ס ווערק
האָבן זיך פֿאַר מיינע אויגן באַוויזן,
שאַרף, קלאָר אין אַלע אמתן פֿון איר רוף:
— הערט אויף מלחמהס פֿירן!
צו דעראָבערן אַ באַרג, אַ טייך מיט טויטע פֿיש — — —
שליידערט אייערע כלי־זין,
שמעלצט אוים אייערע מעדאַלן
אויף שפּילצייג פֿאַר קינדערלעך.
באַנעמט דעם זאָג פֿון אַלטן חכם קהלת:
„וואונדער ווי עס ווערן ביינער אין מוטער־טראַכט״,
הערט זיך איין צו געזאַנגען פֿון מאַמעס
אין זייערע אייביקע וויגלידער — — —

חוה׳ס וויגליד

מיין טייערער זון קין׳דל,
האָב ליב די זון, די פּלאַנצן:
שפּיל ניט מיטן שפּיצן-שטיינדל —
אונטער דער זון פּליטערלעך טאַנצן,
פּליטערלעך טאַנצן.

מיין טייערער זון קין׳דל,
האָב ליב די זילבער-טייכן,
פון שטיינדל-שפּיל, מיין קין׳דל,
זאָלסטו תמיד ווייכן, —
תמיד ווייכן.

מיין טייערער זון קין׳דל,
האָב ליב צעגרינטע פעלדער;
ווייך פון שטיינדל-שפּיל, מיין קין׳דל
האָרך שטילן סוד פון וועלדער,
סוד פון וועלדער.

מיין טייערער זון קין׳דל,
האָב ליב די געטלעכע רו;
אָן שטיינדל-שפּיל, מיין קין׳דל,
וועט זינגען דיין מאַמע ליו-ליו,
וועט זינגען דיין מאַמע ליו-ליו.

געטאָ וויגליד

(פֿאָלקיש)

געבוירן ביסטו, געטאָלע,
געבוירן אין אַ צייט —
מיין חלום פֿון אַ בעטעלע
איז זייער, זייער ווייט.
גלעט איך דיך, מיין מיידעלע,
קוש איך דיך, מיין קינד ;
ס'וועט ברענגען דיר אַ קליידעלע
דער גוטער, גוטער ווינט.

געקומען ביסטו, מיידעלע,
געקומען אין אַ יאָר —
מיין חלום, טייער מיידעלע :
מיר פֿאַר דיין ליכטיקן דור.
גלעט איך דיינע פֿיסעלעך,
קוש דיך מיט מיין בליק ;
ס'וועט דיר ברענגען ניסעלעך
דער קלוגינקער וועוורק.

שלאָף־זשע איצט, מיין געטאָלע,
שלאָף־זשע איצט, מיין קינד —
ס'וועט ברענגען דיר אַ בעטעלע
דער אָדלער דורכן ווינט !
דער אָדלער האָט צוויי ריזן־פֿליגל
און מאַטאָרן פֿיר—
ער'ט צעברעכן נאַצי־ריגל,
דעם בלוטיקן וואַמפּיר.

גענקומען ביסטו, קינדעלע,
געקומען אין אַ צייט —
מיין חלום פֿון אַ ווינדעלע
איז זייער, זייער ווייט.
די צען געבאָטן מיידעלע,
וואַנדערן אָן אַ לאַנד ;
די שווערד איז אויסן שיידעלע,
די שווערד — אין שעכטערס האַנט.

געבוירן ביסטו, גאָטאַלע,
געבוירן אין אַ יאָר —
דיין גורל, טייער גאָטאַלע,
פֿון אַ העלדיש גרויסן דור :
וועסט נאָך זיין, מיין מיידעלע,
דער עדות פֿון אַ צייט ;
דערציילן וועסטו מיידעלע —
דורך וואונדער זיין באַפֿרייט.

שלאָף-זשע איצט, מיין גאָטאַלע,
שלאָף-זשע איצט, מיין קינד —
ס׳וועט ברענגען דיר אַ בעטעלע
דער אָדלער דורכן ווינט !
דער אָדלער האָט צוויי ריזן-פֿליגל
און מאָטאָרן פֿיר —
ער׳ט צעברעכן נאַצי-ריגל,
דעם בלוטיקן וואַמפּיר.

וויגליד

1944

אַן גוטסקייט קאָן די וועלט ניט געדייען,
גאָט אין הימל וועט מענטשן דערפרייען:
שלאָפט, קינדערלעך, שלאָפט איין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיין.

וועלן שיפן שווימען, אויף טייכן, אויף ימען
און ברענגען צו אייך דעם טאַטן און מאַמען;
דער שמיד וועט שמידן, דער שניידער וועט נייען,
דאָס פעלד וועט מען אַקערן, קאָרן פאַרזייען.

די זון וועט קושן די שפיצן פון זאַנגען,
פויערן וועלן אַרבעטן מיט פרייד, מיט געזאַנגען;
די מיל וועט צעמאָלן דאָס גרויל פון דער וועלט,
איך זע שוין דעם טאָג — עס ליכטיקט, עס העלט.

שלאָפט, קינדערלעך, שלאָפט איין,
דער מאָרגן וועט אַ ליכטיקער זיין.

א וויגליד

שלאָף, מיין קינד,
מיין טאָכטער קליינע,
שלאָף, שלאָף שוין איין ;
אין פֿעלד דער ווינט
קושט בלומען שיינע,
דער מאָרגן וועט ליכטיק זיין.

גאָלדענע שטראַלן
גלעטן די זאנגען,
גערטנער יעט דאָס פֿאָלין ;
טוי פֿון הימל טוט פֿאַלן
ווייך, אין שטילע קלאַנגען,
ס׳בליען פֿעלדער גרין.

איבער נאַכטיקן הימל
ציען זיך שלייערן ווייסע,
און הילן די וועלט אין רו.
כ׳זע דיך, קינד, אין ליכטיקן דרימל,
שטערן פֿינקלען אַ גילדענע מעשה :
אַ ברכה פֿון גאָט ברוך הוא — — —

שלאָף, מיין קינד,
מיין טאָכטער קליינע,
מאַך די אויגן צו ;
אין פֿעלד דער ווינט
קושט בלומען שיינע,
דיין מאַמע זינגט ליו־ליו.

ישראל וויגליד

שלאָף מיין קינד מיין צאַרטער ייִנגל
מאַך די אויגן צו,
ביז דער מלאך מיט סאַמעט־פליגל
וועט זינגען דיר ליו־ליו ;

כ'וועל אַ מעשה דיר דערציילן,
מאַך די אויגן צו,
כ'וועל אַ מעשה דיר דערציילן,
שלאָף מיין זון ליו־ליו.

די באָבע דאָבע פלעכט אַ שלייפל
פאַר דיין רעכטער האַנט,
דער זיידע נתן פירט אַ שיסל
פאַר גריצעלעך מיט שמאַנט.

שפילצייג פירט ער אַ פולן קאַסטן
פאַר שטיפערלעך אין לאַנד,
שלאָף־זשע איצט מיין צאַרטער ייִנגל
מיטן שלייפל אויף דיין האַנט —

דיין טאַטע־מאַמע אַקערן פעלדער
אונטערן הימל בלוי,
דיין טאַטע־מאַמע פלאַנצן וועלדער
מיט קושן פונעם טוי.

שאָסייען ליגן ברייט געפּלאַסטערט
פֿאַר דיינע העלדן פֿיס;
אַנטקעגן קומען דיר גבורים,
גבורים ריז נאָך ריז:

יהודה המכבי און זיינע ברידער,
אונדזער אַלטער יחוס־בריוו;
זינגט רחל צו ירושלים,
באר־שבע און תל־אביב.

פֿון מצרים ביזן שיף „עקזאָדוס"
ציט זיך אַ לאַנגע קייט —
אַט קומען בויער, אַקערער,
איך הער די טריט, מען גייט!

שלאָף־זשע איצט, מיין צאַרטער יינגל,
מאַך די אויגן צו,
ביז דער מלאך מיט סאַמעט־פֿליגל
וועט זינגען דיר ליו־ליו־ו־ו.

אַ מעשה

אין דער וועלט זיינען פֿאַראַן זיבן פֿאַרבן,
וויל דער מענטש — די וועלט זאָל אַרבן
די שיינקייט, וואָס בליט אין פֿאַרביקן חלום,
די שיינקייט, וואָס איז דער אייביקער שלום —
איז דער מענטש איבער דער וועלט געגאַנגען;
אימעצער האָט שוין דעם אמת געפֿאַנגען;
האָט ער זיך פֿאַרנומען אויף אַ זייטיקן וועג,
אַ בעטלער באַגעגנט, געטאָן אים אַ פֿרעג:
— זאָג מיר, דו אַלטער, זאָג מיר, איך פֿרעג,
וואו איז דער רעגנבויגן זינט גאָטס קנין-טעג?

דער אַלטער ט'געענטפֿערט, דורך אויגן אין צער,
און דערציילט דעם מענטשן פֿון ביטערן גזר:
— זינט קין האָט קעגן הבלען אַ שטיין געהייבן
קלאָגן ביז היינט די ערד און די שטויבן — — —
פֿרעגט אים דער מענטש פֿון גזר דעם באַשייד:
— העלף מיר, אַלטינקער, מיט דיינע קלוגע רייד.
— קלאָג ניט, מיין זון, איין פֿאַרב איז שוין דאָ,
צו געפֿינען נאָך זעקס וועט קומען די שעה. —

איז געקומען דער מענטש מיטן בעטלער ביינאַנד,
און געזען דעם חסד פֿון גאָטס גנעדיקער האַנט:
בן־אָדם בויט, ער טוט פֿלאַנצן און זייען,
קינדערלעך לערנען, אין שולן זיי גייען,
מיט ליבשאַפֿט און חכמה שטראַלן זייערע אויגן,
דאָס זיינען נאָך פֿאַרבן פֿונעם רעגנבויגן —
מיט שגעון איז געצונדן דעם קראַנקנס אויגן,
דער הקדש הענגט אַרויס פֿון רעטונג אַ בויגן.
אין ווייַ־געשריי פֿאַלט צו אַ מענטש אויף אַ שוועל, —
טרייסט און גנאָד, — איז אַ פֿאַרב וואָס העלט.

אָדם האָט געוויינט, ווען ער איז פֿון גן־עדן אַרויס,
האָט אים חוה געטרייסט: „ס'וועלן פֿאַרביקע זונען אַרויס".
משה האָט פֿאַר זיין טויט געקושט גאָטס זיים,
און גאָט האָט געזאָגט: „די גאַנצע וועלט איז דיין היים".
זיינען אַלע געקומען אויף הר־ציון דעם באַרג,
איז געקומען דער אַלטער מיטן זאַק אויף זיין קאַרק;
און אויפֿגעבונדן די זיבן געפֿונענע פֿאַרבן, —
פֿאַרן מענטשן, אויף אייביק די שיינקייטן צו אַרבן.
דער אַלטער האָט געשטראַלט מיט זיין ווייסן גזיכט,
אויפֿגעלויכטן איבער וועלט האָט דאָס סיני־ליכט, —
שטראַלנדיק האָט ער זיך אין די הויכן געטראָגן
און ז'אַוועק אין די הימלען אויף זיין פֿייערוואָגן — — —

טויב, מיין טויב

טויב, מיין טויב,
פֿלי צום ברעג,
וואו ס׳בליט גלויבן
פֿון אַ פֿאָלק אין וועג —
צוויי טויזנט יאָר אין וועג.

טויב, מיין טויב,
זוך אויס אַ צווייג,
וואָס צייטיקט גלויבן ;
צעשטער שונאס שטייג
מיטן שלום געצייג — — —

טויב, מיין טויב,
פֿלי אין די רוימען,
וואו אייביקער גלויבן
צעשמעטערט צוימען
און פֿאַרווישט תהומען.

טויב, מיין טויב,
שוועב אין די ספֿערן
פֿון געטלעכן גלויבן, —
מיין פֿאָלק זאָל באַשערן
זון-ליכט און שטערן.

וולאַדימיר האָראָוויץ שפּילט

ווייסע מאַטילן
האָבן איבער קלאַווישן
פֿון פּיאַנאָ געשוועבט,
געכּישופֿט מעלאָדיעס ארויס פֿון קלאַוויר,
דער אינגעווייד פֿון פּיאַנאָ־אָרגאַן
געהייבן האָט זיך —
ברויזנדיקער ים פֿאַרנאַכט :

זיינען מעוועס געפֿלויגן
אונטער שקיעה־הימלען שטורעם צעטראָגן ;
מוזעס פֿאַרהיטן הערלעכן ציטער,
און ער האָט געכּישופֿט, געכּישופֿט, געכּישופֿט.

לוויים געזונגען האָבן צו די הימלען
אויפֿן וועג צום בית המקדש ;
פּראָמעטעי אין זיין אימפּעט
געטראָגן האָט צו בן אָדם דעם פֿלאַקער.

אויפֿגעוואַכט האָט די ערד פֿון דרימל,
מענטש האָט אויסגעשמידט אייזן־אַקער,
אויפֿגעשטעלט לויכטנדיקע טורעמס.
און ער האָט צו די מוזעס, צו דער שיינקייט געשפּילט ;
האָבן מלאכים־פֿליגל
איבער זיינע כּישוף־הענט געפֿלאַטערט, געפֿלאַטערט — — —

אַ בעטלערס געזאַנג

— שניי, רעגן און ווינט,
האָבן מיין פּנים געגלעט ;
אויף די ליפּן האָט געגליט
אַ תּפילהדיק געבעט :

— ניט עגבערן זאָל הונגער
מיינע צוקנדיקע גלידער, —
צערטלען דורך מי און וואונדער,
ווי תּפילהדיקע לידער.

— אויף יאַרידן טוען לידער
באַשיינען סוחרים און טומלער ;
האַנדל איז אין שפּליטער ?
צעטענצלט זיך אַ קרומער.

— דער יאַריד איז אין פֿלאַקער
טראָגן אָקסן מאַרק אויף הערנער ;
דער הענדלער און מנקר
שטעכן זיך דורך דערנער — — —

— גייען מיר און גייען,
מיר ווערן קיינמאָל מיד, —
דורך רעגן און דורך שנייען,
מיר זינגען אונדזער ליד.

— איך, אין צוקנדיקן הונגער
איינער פֿון די בעטלער זיבן, —
דורך תּפֿילה און דורך וואונדער
מיר האָבן זיך דאָ פֿאַרקליבן.

— אין הייל פֿון ליכט און שטערן,
וואָס בלינדער האָט דערזען, —
אויסטיילן צווישן גאָטס קרן
דאָס ליכט וואָס ער'ט דערזען — — —

— זיינען מיר בעטלער אין נויט,
פֿון גרויסע יאָרידן פֿאַרטריבן, —
ציטערן ווי פֿאַר דעם טויט
און צערטלען וואָס מיר'ן פֿאַרשריבן.

— גייען מיר און גייען,
מיר ווערן קיינמאָל מיד, —
דורך רעגן און דורך שנייען
מיר זינגען אונדזער ליד.

— פֿולע טאָרבעס — אונדזער פֿאַרמעגן,
שטעקנס פֿון פֿימסנהאָלץ, —
חלומות כוואַליען אַריבער די ברעגן,
די אָרעמקייט מיר טראָגן שטאָלץ.

— גייען אונדז אוים די קרעפֿטן
שפּאַנען די שטעקנס אַליין, —
און וואונדער טוט העפֿטן און העפֿטן
דעם וואונדער דורך וואונדער אַליין.

אין זכרון בליט אויף

וואָס איך האָב מיטגענומען
פֿון מיין היים:
מיין פֿאָטערס נאַכטיקע תּפֿילות
מיט זיין ניגון,
ספֿרים אין שוואַרצן איינבונד,
גאָלד־אותיות אויף רוקנס, —
אין אומעטיקן בליק אויף דער וועלט;

דער מאַמעס פֿאַרדאגהט פּנים
אין זאָרג,
ווי אויס׳סדרן די וואָכן און טעג;
די וואַקסנדיקע משפּחה
דאַרף אַ שוך, אַ קלייד,
און גאָטס וואָרט אין האַרץ.

מיין רביצין שלמה חיים׳איכע
צעפֿליגלט האָט דעם אלף־בית
יעדן אין דער פֿרי, —
ליכטיקער געוואָרן
ליטווישע פֿרימאָרגנס די גרויע;
געלערנט וועגן מוטער חוה,
איר חכמה:
אַרויסגעכישופֿט אָדמען פֿון נאַקעטן גן־עדן.

אַליין פֿאַרפֿלאַנצט די זערנע—
אויפֿגעגאַנגען זיינען פֿעלדער
מיט ווייצן און מיט קאָרן.
געלערנט וועגן מוטער רחלס טרערן,
באַוויינט האָט זי אירע קינדער אין גלות.

אין זכרון בליט אויף :
סוף זומער
שטעלט זיך איין אַ יאַר־יאַריד,
איליא.
פֿון גאַרער וועלט סוחרים, הענדלער
באַלאַגערן די שטאָט.
גרויע געצעלטן ווי ריזן שוואָמען
באַזעצן דעם מאַרק.

ציגיינער טראָגן זיך אָן אין מאַרק,
פֿולע בוידן קינדער, כישוף, רעש ;
פֿערד בריקען דעם באָדן,
הויבט זיך אויף אַ שטויבן־מיראַזש.
ציגיינערינס אין ליכטיקע קרעלן
וואַרפֿן קאָרטן, שמייכלען מיט פּערל־ציין.
די אַלטע ציגיינערין הוט איר יונגן ציגאַן, —
דער ציגאַן טוט אַ סווישטש מיטן בייטש !
גלעט זי זיינע פֿיס,
קושט זיינע גלאַנציקע שטיוול — — —

די זון ברימ, —
האַנדל־וואַנדל אין פֿלאַקער,
טראָגן אָקסן מארק אויף הערנער:
גלאַנציקע אָגערס הירזשען,
שמייען ציגיינער:
מושטירן זייערע טאַבונעס אין האַנדל.

אין אַ צירקל זיצן בעטלער
מיט בלינדע אויגן, אין שמאַטע־טראַכט, —
אויסגעשטעלט אויפֿן יאַריד
הקדשן פֿון מרחקים.
זינגען בעטלער אויס צער פֿון דער וועלט
און שפּילן־צו
אויף לירעס זייער טרויער.

⁂

האַרבסט פֿליט אָן
מיט רעגנס, מיט שטורעם־ווינטן,
פֿליקן בלעטער,
לאָזן ביימער נאַקעט.
ציען זיך צווייגן —
פֿינגער אין געבעט:
ווינטער ברענגען זאָל
שלווה, ווייסע רחמימדיקע רו,
אָן שטורעמס, אָן וויוגעס.

ווינטער:
דאָס שטעטל ליגט געפּאַנצערט,
אין פראָסט, אין אייז.
מיידלעך טוען שטוב־אַרבעט,
העלפן מאַמעס וואַשן, קאָכן,
ייִנגלעך לערנען אין חדרים.
ר' יעקב דוד, דער גמרא מלמד,
שאַרפט מוחות פון וואונדער־קינדער.

אין טונקעלע נעכט
לאָזן זיך ייִנגלעך אַרויס
מיט געצונדענע לאַנטערנעס איבער גאַסן.
אַהיים גייען ייִנגלעך מיט געזאַנג,
זינגענדיק און זאָגנדיק פסוקים.
געצונדענע לאַנטערנעס וויגן זיך,
שוועבן ווי שטערן פון הימל,
שוועבנדיק דערפרייען זיי
פאַרשפּעטיקטע קרעמער
און טונקעלע נעכט —

אין אַ גאָלדענעם פאַרנאַכט

(קובאַנער מאָטיוו)

מיט באָרעלען אין אַ גאָלדענעם פֿאַרנאַכט,
שפּאַנען מיר איבער זאַמדיק־ווייסע וועגן,
ער טוליעט זיך צו מיר פֿאַרטראַכט —
שוואַרצע אויגן גאַפּן, רויטע ליפּן פֿרעגן:

— הינדע, וואו ענדיקט זיך דער ווייסער־וועג?
און וואוהין גייען אוועק אַלע גרויסע שיפֿן?
— קינד, איך אַליין וואָלט געטאָן אַ פֿרעג,
וואָס איך האָב ביז איצט נישט באַגריפֿן.

— אין לאַנד אין ליכטיקן, מיט אייבסן און מיט בלומען
איז דאָ אַזויפֿיל אומעט אין פּנים פֿון קובאַנער;
ער שווייגט־אויס אַ נצחון — שווייגט באמונה —
דער פֿאַרמער, קאַניע־שניידער און אורבאַנער.

— אויסגעצייגן ווי קראָקאָדיל ליגט דער אינדזל קובאַ
און ווייגט דעם שורש פֿון אַפֿריקע, שפּאַניע, האַטועי;
יעדער שטאַם וועבט אַריין זיין נאָטע: די רומבאַ
און דאַנסאָן, אין ניגון און שלאַנגען־טאַנץ ער וויקלט זיי.

— אין דיין לאַנד אין זוניקן מיט הימלען זשאַרזשעט-בלויע,
פּעכערן די פּאַלמעס מיט גאָלדיק-גרינע שטערן, —
און די קאַניע-שניידער וואוינען אין כאַטקעס לייִמיק-גרויע,
און די טאַבאַק-פּלאַנצער אין שוויים די בלעטער נערן.

— אַט אַזוי, מיין טייערער, דערציילט דיין לאַנד אַ מעשה,
אין געוועב פון טראָפּישע מנהגים און באַגריפן
פּלאַטערט אַ פאַרשריבן בלאַט, ניט פון טויבן ווייסע —
און אַזוי האָט אַ גאָלדענער פאַרנאַכט אָנגעהויבן טריפן.

הינדע זאַרעצקי

אוריאל ווײַנרײַכן לזכרון

אונטערן הימל פון ווילנער גאון

א

אונטערן הימל פֿון ווילנער גאון
אַ ייִנגל געוואַקסן איז לולב־דין;
געפֿלאַטערט איבער פֿירקאַנטיקן אות,
און פֿאָלק האָט געבענטשט זיך מיט אים.

אין זײַן חלום, אויף דער וואָר,
געזען ווערטער אין שורות שוועבן;
געטראָגן פֿון זײַן חלום — אײַנגעזאַמלט
פֿאָלקס־מעשׂיות אין לויטערע געוועבן.

צעפֿלאַטערט איבער גאַנץ ייִדיש־לאַנד,
זײַנע טואונגען — הערלעכע געזאַנגען;
איבער גרעניצן, דורך פֿעלד און וואַלד,
יוגנט אַנטקעגן אים זײַנען געגאַנגען.

אותיות ווי פֿייגל אין סטײַעס, —
אַנגעפֿלויגן אין שטילן געפֿלאַטער;
אין בליענדיקסטן טאָג פֿון זײַן לעבן
געטראָפֿן דעם זינגער אַ מאַטער — — —

יעדער אות וואָס ער האָט געצערטלט,
יעדער ספֿר וואָס ער האָט געבונדן —
זײַנען פֿון ייִדיש־לאַנד די אוצרות —
און דער חלום וואָס ער האָט געצונדן.

ב

אלול ווינטן פֿליקן די בלעטער,
ציטערן צווייגן אין הארבסטיקער לופֿט;
דער בית עולם געגאַרטלט מיט העטהער,
צום בערגל ערד אַ געשטאַלט זיך שופֿט.

די לבנה טריפֿט ליכט, ס׳פֿליסטערן די בלומען,
דאָס בערגל ערד דעקט אָפּ פֿון זיך די גראָזן;
— נאַכט, לאָמיר זען ווער ס׳דאַרף היינט קומען,
צוליב וועמען דער נפֿטר וועט דאָס אָרט פֿאַרלאָזן?

קראַנצן זיינען דורכגעפֿלאָכטן מיט לבנה־שטראַלן,
נאַכט איז אָנגעזאַפּט מיטן אומעט פֿון די שטערן;
כ׳זע שאָטנס ציען זיך אַהער, אויפֿן פֿעלד זיי פֿאַלן,
אין רויש פֿון איילנדיקע טריט טראָפֿן הימל־טרערן.

אָט בויגט זיך אַ געשטאַלט, אָט הערן מיר אים ריידן:
— דיינע טואונגען שטייען געצונדן — ליכטיקע מנורות,
רעדט דער ווילנער גאון מיט ליבשאַפֿט פֿון גן־עדן,
— דיין חלום זון, וועט לויכטן, לויכטן דורך דורות — — — —

אַ זון־רויז פאַר מיין פענסטער

אַ זון־רויז פֿאַר מיין פֿענסטער,
פֿאַרשמייכלט האָט אויף אַלע
בלעטעלעך, מיט זון־שטראַלן
געלויכטן און געוואָרעמט.
געוויקלט כ׳האָב זיך אין זון־שטראַלן,
געציילט, געציילט געלע בלעטעלעך,
געלע לאַטע — מיין „יחוס־בריוו״ פֿון דורות.
ציילנדיק כ׳האָב זיך פֿאַרפלאָנטערט:
אין אַ ציפֿער וואָס ברייט מיין האַרץ
די ציפֿער ציילט אימה, גרויל, —
דריטער חורבן.

פֿון פלאָנטער באַפֿריי מיך גאָט,
פֿון חשבון, פֿון ציילן באַפֿריי מיך.
שיק אויף דיין וועלט אַ נייעם יוקליד,
נייע עלעמענטן זאָל ער אויפֿמישן —
אויסברענען זאָל דאָס גרויל אין חלל,
וואָס טראָגט מיטן רויך שאָטנס
פֿון פֿאַרברענטע יידן.

אויפגעאַקערט

אויפגעאַקערט מיין גאָרטן
האָט אַ פרעמדע האַנט, —
צווישן מיר און מיין גאָרטן
שטייט אַ בלוטיקע וואַנט.

אַמאָל אין מיין גאָרטן
פאַרזייט האָב איך גרינסן;
האָבן בייטן ברוינע ווי טאָרטן
אויסגעצייטיקט מיינע געווינסן.

רעטעכלעך און ציבעלקעס,
מערעלעך אין גאָלד;
אוגערקעס און ריבלקעס
האָבן קינדערלעך האָלד.

האָבן שוועסטערלעך געגעסן,
געקנאַקט האָבן די ציין;
ווער קאָן היינט מעסטן
די שיינקייט, דעם חן?

אין מיין יידישער היים
געווען דאָס לעבן צעבליט;
צעטראַמפּלט מיין היים
האָבן רוצחישע טריט:

עמלק'ס יורשים באַטראָטן
האָבן די פֿרידלעכע ערד;
צעפּלינדערט, צעטראָטן,
יידיש לעבן פֿאַרלענדט.

עס איז דער חודש ניסן

עס איז דער חודש ניסן,
שווימען צו מיר אַנטקעגן
וואַסערן, זיי טוען זיך צעגיסן
איבער שטעטלשע וועגן,

און שפּיגלען אַף זיבן הימלען.
ס׳דערוואַכן ביימער, בלומען,
וועקן נעסטן אין זייער דרימלען,
פֿון וואַרעם-לאַנד פֿייגל קומען;

איבער זייערע פֿליגלען
פֿלאַטערן טונקעלע שלייערן;
איבער הויכע בערג און היגלען
טראָגן זיך יידישע טרויערן.

דער פּריפּעט[1]) אָטעמט שווער:
וויגנדיק אויסגעלאָשענע קינדערלעך,
טויען פֿאַלן טרער נאָך טרער;
אויפֿן גרונט בלאַנקען ביינדעלעך.

זוכן קינדער-ציינדעלעך
זייערע שמייכלען, חן-פּינטעלעך,
צווישן זויבער-ווייסע ביינדעלעך, —
און טרויעריקע וואַלד-ווינטעלעך
וויינען, וויינען, וויינען — — —

[1]) אונטער דער נאַצי־ממשלה האָט מען יידישע קינדער לעבעדיקערהייט געוואָרפֿן אין טייך פּריפּעט.

אויף אַ געטאָ אויסשטעלונג

אין לויטערן גינגאָלד
די זון האָט געשיינט, —
ניט געקאָנט האָב איך
פֿאַרנעמען דאָס ליכט היינט:

געפֿירט האָט מיך דער וועג
אויף געטאָ־טערעזענשטאָט;
וואו יידישע קינדערלעך
האָבן אויף פּאַרמעט־בלאַט

אויסגעמאָלן הימלען בלויע,
זון און וואָלקנדלעך ווייסע;
אויף ברייטע גאַסן שטיפֿערלעך
שטיפֿן, ווי אין אַ שיינער מעשה — — —

יידישע קינדער־חלומות אַ מיליאָן
האָבן מיך אויף פֿליגל גענומען, —
שוועבנדיק דורך חלום און פֿאַרבן
זיינען מיר צום באַרג שיך אָנגעקומען.

קלייבן מיר איבער קינדער־שיכלעך,
מיר סדרן אוים, — זיינען פּריידעלעך,
שמערעלעך און בערעלעך אַנגעקומען
אין בלוי־ווייסע הימל־קליידעלעך — — —

איך זע פּים פון יידישע קינדערלעך
אויסגעוואַקסן שיין, שטאַרק, —
גייען זיי אין פעסטן טראַט;
זייערע שיך איבערן קאַרק

פּאַרוואָרפן, שפּאַנען זיי ווי חלוצים,
דאָ ווערט מיין אָטעם פאַרהאַלטן:
קינדער־סקעלעטן מיט בלעכענע שיסעלעך
ביים אויסטיילן וואַסער־זופּ קאַלטן.

זקנים שטייען געבויגן, וואַרטן אין ריי,
אָן שיך, אין שמאַטעס „געקליידט".
אַ שאָטן פאַרשטעלט מיין בליק —
אַ לוויה אויפן לעצטן באַגלייט.

ביים וואַנט פון געטאָ־מויער,
אַ ייד אין טלית און תפילין;
פאַרטייעט אין זיין טרויער
מורמלט שטיל אַ תפילה — — —

איר טרויער אַנטקעגן

יאָרן לאַנג גייט זי איר טרויער אַנטקעגן,
אין גאַנג בלייכער ווערט איר געזיכט.
דורך יאָרן, אַנגעוואַקסן שיכט אויף שיכט,
בלומען און גרעזער דאָס בערגל פֿאַרדעקן.

פון ווייט, ווייט, אַ שלאַנקע געשטאַלט קומט אָן,
געהילט אין שלייערן פלאַטערט ווינט אירע גרויזן:
איר געאיילטער טראָט טראָגט אַ פרילינג-רוישן,
צום בלייכן געזיכט רעדט זי אין שטילן טאָן:

— דיינע לידער האָב איך מיט אַלע חושים פאַרנומען,
צוגעשפילט האָט איינער אויף אַ פּליט אַ ניגון —
אין מיטן שפּילן איז דאָס געזאַנג אַנטשוויגן,
בין איך דאָ, איך דאַנק דיר פאַר די „בלומען".

— יענע מעשהלעך, וואָס געטאָן האָסטו דערציילן,
— שוועבן אין חלל — דיינע ווייטיקן צו היילן — — —

אין בוכנוואַלד לאַגער

האָב ניט מורא, זון,
שלאָף, שלאָף־איין,
דער גוטער מלאך ברענגען וועט
די ליכטיקע מאמע דיין,

פֿארן הענטל האלטן
דיין שוועסטערל צפּורה;
אין פֿראָסט אין קאַלטן
שמייכלען זיי אָן מורא.

דער שניי דער קאַלטער
פֿארווישט ווי מיט דער האַנט;
אוועקשווימען וועלן מיר אַלע
אין וויַיטן שלום־לאַנד.

שטאַרק דאָס האַרץ דיינס,
קרעפֿטיק דיינע ביינער —
באַפֿרייער איז אויפֿן שוועל,
זון, מיין איינציק איינער.

שלאָף, מיין זון, שלאָף־איין,
דער מאָרגן וועט ליכטיק זיין.

הינדע זאַרעצקי

פֿאַר וולאַדקע מיד

פּאַרטיזאַנקע דערציילט

א

מיר האָבן די ערד געשפּאָלטן,
די זאַנגען און ווייצן פֿאַרברענט ;
מיר האָבן די דאַמבעס צעלאָזן.
תבואות פֿון שונא פֿאַרלענדט.

מיר האָבן דעם שונא פֿאַרטריבן,
ווי פֿוקסן געשפּירט זיינע טריט —
מיט בלוט די מגילה פֿאַרשריבן,
פּאַרטיזאַנישע שבועה געהיט — — — —

ב

אין יענע טעג, אין יענע נעכט,
ווען די געטאָ ז׳געשטאַנען אין פֿלאַמען,
געווען בין איך אונטער ברענענדיקן הימל,
געזען פֿייער־צונגען אויסלעשן גאָטס לאַמען.

די נסיעה

וואונדער־רייזע

א

דער שר שאַרט אַפּ דעם הימלישן פּוירהאַנג,
ער זאָגט צו דריי זין פון יענקי־לאַנד :
קרייזט אין די רוימען,
דער חלל איז אַן צוימען ;
פון אויסגעצייטיקטע זוימען
בליען אויף געטלעכע טרוימען.
און עס פאַרנויגט זיך דער שר פון חלומות —
טראָגן זיך דריי יענקי־זין צו לבנה־לאַנד.

ב

דורך אַלע חושים כ׳פאַרנעם הימלישן וואונדער,
שטערן מיט שטערן פינקלען זיך איבער;
אין סאָלאַר־מלוכה קיניגט יעדער פּלאַנעט באַזונדער.

פלאַטער איך מיט כישוף־פיבער, —
ציטערט מיין הארץ מיטן סוד פון אַרביטן ;
גיב כוח, גאָט, צו באַנעמען ווייטע געביטן.

ג

קוק איך אין דיר, דו וועלט פון מאָרגן,
כ׳זע מיט וויפל פעדים ביסט צום היינט געבונדן ;
דער נעכטן האָט דורך דיר אוצרות דערוואָרבן —
מיליאָסן זונען האָבן בן־אָדמ׳ס מוח געצונדן.

אויפֿן יום-טוב פֿון וואָרט

אויפֿן יום-טוב פֿון וואָרט
האָב איך זי געטראָפֿן;
שלאַנק ווי אַ סאַרנע, שיין
ווי אין לידער סטראָפֿן.

איר ליבשאַפֿט צום וואָרט
דורך אַלע חושים זי היט
איבער אוצרות זי וואַכט
אין תּפֿילהדיקע טריט.

דורך שטילע מעת-לעתן,
אונטערן פֿיבער פֿון וואָרט,
זי שפּירט דעם וואונדער —
דער נס וואָס קלאָרט.

די יידישע ליטעראַטור,
אַ גרין-צעבליטער וואַלד;
דער אייביקער פּאַסטוך
אויף זיין פֿייפֿל ער שאַלט.

די ביימער רייפֿן בשמים,
דערקוויקן דאָס געמיט ;
עס זינגען די משוררים,
גאָט, די שלימות היט.

שלאַנק ווי אַ סאַרנע, שיין
ווי אין לידער סטראָפֿן ;
אויפֿן יום-טוב פֿון וואָרט
האָב איך זי געטראָפֿן,

ביי די קאַריבייער וואַסערן

ביי די קאַריבייער וואַסערן
איז אַ הירשין געוואַקסן —
שטיפעריש, שלאַנק און שיין,
ביי די קאַריבייער וואַסערן
איז אַ הירש געוואַקסן —
ערנסט, שלאַנק און שיין.

האָבן זיך הירשן געטאָן זוכן
דורך טעג און דורך יאָרן,
דורך בערג און דורך טאָלן;
געשיקט האָט דער בורא שפּרוכן
געטלעכע פון הימל דעם קלאָרן:
גרינג זאָל זיין דער וועג, אַן עולן.

האָבן וואַלד-ביימער גענומען רוישן,
זון דורך בלעטער גאָלד געטאָן האָט זיפּן
און אויף צוויי הירשן-קעפּ צעלויכטן —
שיינקייטן אויף מינץ ניט צו טוישן;
אין אייביקער אחדות דאָס לעבן קניפּן,
גאָט'ס ברכה געזיגלט אין אָטעם באַהויכטן.

שניי

פֿאַר מײַנע מידע אויגן
פֿאַלט אַ שניי און פֿאַלט;
איבער מײַן האַרץ פֿאַרצויגן
אַ ווײַסער ניגון שאַלט.

גידערן שנייען צום באָדן —
ווײַסע טויבן דרימלען מיד;
דיכטער זינגען אָדעם —
פֿון שלום זייער ליד.

שפּרייטן זיך טיכער ווײַסע
אויף ווינטער קילן גראָז;
צויבערט אַ ווינטער-מעשה,
דערשראָקן יאָגט אַ האָז.

וועבן זיך שנייען שיכטן
איבער ווינטער ערד;
פֿון דעכער הענגען צויטן —
קלוגע זיידעס׳ בערד.

פֿלאַטערן ווייסע שלייערן
איןווינטערלאַנד איז שטיל;
זיין אָטעם פֿאַרהאַלט אַ גייער —
ס'איז אַ שיינע ווינטער־שפּיל.

ווינטן יאָגן שנייען —
פֿליטערלעך אין בלוי:
ווישט פֿון אויג אַ וואָגלער
פֿראָסטיק קאַלטן טוי — — —

שניי אין ניו-יאָרק

א מעשה

שניי-פֿליטערלעך אין ווייסן פּולווער
הילן איין מאַנהעטן-שטאָט;
שטורעם ווינט טראָגט זיך אַ דולער,
פֿלאַטער צעפֿליקט טראָט נאָך טראָט.
פֿאַרשנייטע געזימסן אויף ריזיקע בנינים —
שמייכלען זיידעס' דורך ווייסע ברעמען;
ציט זיך אַ ניגון פֿון געהיימע תהומען
און דערציילט אַן אויסטערלישע מעשה:

געשפּרייט האָבן הימלען ליכטיקן חלום,
פֿליטערלעך פֿלאַטערן אין שנייען-טאַנץ
קושן און האַלדזן עמפּייער-טורעם.
אין ווירבל ווינט באַרוועסע טאַנצן
שטאָטישע שניי-פּרינצעסינס;
צירן זיך אין שניי-האָפּנס ווייסע, —
פֿלאַטערן אין שטורעם-ווינט שלייערן.
פֿאַרשייטע וויוגעס פֿאַרנאַרן
שניי-פּרינצעסינס אין ווינטערלאַנד
פֿון עלנטן שניי-פּרינץ.
זיי דערפֿרייען דעם פּרינץ אין זיין אומעט,
וויקלען זיך טעג אין לופֿטיקע שיינקייטן
מיט פֿראָסט און מיט ווינט און מיט וויוגעס,
ביז פֿרילינג צעגרינט סוף פֿון דער מעשה — — —

אויף מיין גאַס

אויף מיין גאַס גלאָצן צום הימל
הייזער מיט רחבותדיקע באַלקאָנען —
טורעמס פֿאַרריסן מיטן כוח פֿון ממון.

אויף מיין גאַס שטייט דערשראָקן
אַ נידעריק הויז אין דרימל;
דאָס הויז בלייכט אין זאַמדקאָליר ציגל;
באַבלעטערטע ביימער —
וועכטער ביי דער טיר,
פֿענצטער שלינגען איין שטיקער זון.

אַ מילדער ווינטל גלעט קרוינען
פֿון גרין צעבלעטערטע ביימער;
וויגן זיך, וויגן זיך,
ביימערקרוינען ווי אין אַ תּפֿילה.

דאָס טורעם־הויז

מיין ערשטער שבת
אונטערן דאַך פֿון טורעם־הויז;
שטיל, דער באַגינען איז אויפֿגעגאַנגען,
כ׳האָב געפּילט תפֿילה׳דיק,
ווי מיין טאַטע אַמאָל אין קלויז.

בלויער דער הימל האָט געבלענדט,
די זון —
קווינטן גאָלד איבער שטאָטישן פּאַרק
האָט געטריפֿט.
זאַטע הארבסט־ביימער צו מערב האָבן גענויגט.

גאָרנדיק ציט דער בנין צום הימל,
דער טורעם לויכט און היט
אַ 7 מאה׳דיק שטעטל;
איך קען ניט די שכנים, כ׳בעט:
— ווי פֿייגל אויף ביימער אין פּאַרק
זינגען זיך איבער הארמאָניש,
אַזוי זאָל מענטש הויזן אין פֿרידן. —

שטיפֿן קינדער צופֿוסן פֿון טורעם־הויז,
שוואַרצע יינגלעך, ווייסע יינגלעך שליידערן באַלן,
פֿלינק ווי די האָזן יאָגן זיי אין גלייכן טראָט ;
אויפֿן מאַסטבוים אין גערטנדל פּלאַטערן
שטערן־און־שטרייפֿן
הער איך אייבערהעם לינקאָלן זאָגן :
„זייט געבענטשט היטנדיק גאָט׳ס געבאָט".

מיין ערשטער שבת
אונטערן דאַך פֿון טורעם־הויז.
אין דער וואָך פֿון פרשה וילך ;
כ׳בין געגאַנגען תּפֿילה׳דיק,
ווי מיין טאַטע אַמאָל אין קלויז.

ווייסע שעפעלעך

ווייסע שעפּעלעך אויפֿן הימל,
געדיכט און ווייס דאָס וואָל;
בלאָנדזשען שעפּעלעך אין דרימל,
אויף בלויע בערגלעך און דעם טאָל.

בלענדן אויף פּעלדער גראָזן,
פֿול איז אויך דער גרינער טאָל;
יאָגן איבער וועגן האָזן,
רופֿט דער פּאַסטעך אויף אַ קול.

ציען שעפּסלעך נאָך פּאַסטעכס רופֿן,
הוידעט זיך אַ פּעלד מיט וואָל;
שטראַלן מיניען זיך אין שופֿן,
ריזלט טייכל — ריין קרישטאָל.

צופּן שעפּסלעך גראָז אויף בערג,
פּאַסטעך שפּילט פֿאַרנאַכטיקן ניגון
און ער פֿרייט זיך מיט גאָטס ווערק —
די וועלט מיט לידער צו דערקוויקן.

„אויב קינדער זיינען הונגעריק
ווייגט דער גן־עדן".

וויקטאָר הוגאָ

קריגעלעך

זיבן קריגעלעך שטייען ביי דער וואַנט,
געפּורעמטע־געמעלן אין בלוי, געל און רויט;
אַ טעפּער האָט מיט זיין וואַרעמער האַנט
געסדרט פאַר הונגעריקע מילך און ברויט.

האָניק אויפן טיש איז אויך געגרייט,
אַ ווייסער אויסשפּרייט ווי אין חלום.
סודעט עמיץ אין דער שטיל: „מען גייט
איבערשטעלן פון היינט די כללים — — —"

צום געגרייטן טיש מיט האָניק און מעד
ציען מחנות קינדערלעך אין שורות;
הימל און ערד היטן דעם ברעג —
קריגעלעך פולע טוען פליצן בשורות.

בליט דער הימל מיט גילדענע שטערן,
פון מילכוועג פליסט אַ געטלעכע זעט;
דורך בערג און טאָלן טריט זיי הערן,
וואָגלער פאַרנעמען אַן אייביק געבעט.

די שפע פליצט אַריבער די ברעגן,
הונגעריקע וואַנדערער שטראָמען אַהער;
פון אַלע פיר זייטן שפּרייטן זיך וועגן,
קריגעלעך קלייבן אויף טרער־נאָך־טרער.

דיין מי

דיין מי
מיין טיש פֿאַר מיר גרייט,
אויפֿן טיש זאַלץ און ברויט;
אַ דאַך און ווינקלען פֿיר שטילע.
דיין טעגלעכער יאָך —
מיין ריגל אויפֿן טיר,
כ'נעם אויף מיט אַ תּפֿילה.

דיין וואָך אויג
איבער מיין וואָרט בליט,
מיט דאָס ליכט פֿון טאָג,
מיטן חלום פֿון דער נאַכט.

אויף דיינע זיבן ימען

גאָט, אויף דיינע זיבן ימען
זיינען וואונדער געשען:
משה האָט דיין אויסדערוויילט פֿאָלק
פֿון קנעכטשאַפֿט אויסגעלייזט
אויף אַ „געשפּאָלטענעם" ים
די באַפֿרייטע אין לאַנד כנען געפֿירט.

מאַרקאָ פּאָלאָ געזוכט האָט כינע,
אַמעריגאָ וועספּיושעם האָט פֿאַרשפּעטיקט;
און קאָלאָמבוס
געזען האָט זיין חלום אויף דער וואָר.
איבערן אויסשפּרייט פֿון אַטלאַנטיק
די „מעיפֿלאַוער" איז געשוואומען;
מייל סטענדיש, דער וואונדער־קאַפּיטאַן
די לייבן־כוואַליעס האָט באַצוואונגען,
פּריסילאַס האַרץ
צו דזשאָן אַלדן האָט געזונגען — — —

דורך שטורעם־כוואַליעס אויפֿן אַטלאַנטיק
געשניטן האָט „קורסק" אַ וועג
צו ניו־יאָרקער האַפֿן.
מיט טויזנט אימיגראַנטן
באַטראָטן האָב איך מאַנהעטן ברעג;
ביז היינט הער איך ליכטיקע געזאַנגען
פֿון „פּלימוט ראָק" צום „פֿרייהייט גלאָק".

אויף מיין באַשערטן וועג

פּליט מיינע אָדלערס,
פּליט פון מיר אָפּ, —
אונדזער וועלט-סדר
קלאַפּט ניט אין טראָפּ — — —

ווער איך בענטשן די ווינטן,
וואָס ציען אייערע פליגל-אָן;
און זיך וועל איך טרייסטן:
דאָס פלאַטער — אַ ליכטיקע פאָן.

מיינע טעג און יאָרן
אין אייך פאַרשפונען,
מיטן רוף פון האָרן
צו אויפגייענדיקע זונען.

שפאַן איך איבערן וועג,
דערהייבן איז מיין טראָט;
אָנגעלאָדן זיינען טעג
דורך לויטערן געבאָט — — —

ניט זיכער איז מיין בריק
זינט די אָפּגעלאָפענע טעג, —
ניט בייטן וואָלט איך מיין גליק
אויף מיין באַשערטן וועג — — —

מיין דריטער פּאַרק

א

פֿון שטיינערנעם אינדזל-מאַנהעטן
מיט אַלע שיינקייטן, מיט אַלע וואונדער,
אַרויף בין איך אויף קראָטאָנאַ פּאַרק.

סקאַלעס
אויסגעלייגט אויף באַרג-פּלאַכן —
אור-חיהס אין דרימל.
ביימער-קרוינען צעגרינטע
פלאַפּלען מיט ליפּן-בלעטער
צום ווינט, צו דער זון, צום הימל.

אין פֿרייד געשפּאַנט איבער בערג,
געקוויקט זיך ביים אינדיאַנער טייכל,
דאָס שפּיגל-וואַסער געוויגט האָט
דעם הימל, די זון,
שטראַלן געהוידעט —
צעשמאַלצן אין גין-און-גאָלד.

צום אינדיאַנער טייכל
זיינען מאַמעס מיט קינדערלעך געקומען,
געשטיפּט האָט קליינוואַרג;
מאַמעס, געטרייע פּאַסטעכער
געהיט זייערע שעפֿעלעך.

אויף רוקנס פֿון פֿעלדזן אין קראָטאָנאַ פּאַרק
געשפּרונגען ווי די האָזן האָבן יינגלעך,
פֿלינק, אין פֿאַרמעסט,
זיך געיאָגט אין געוועטן —
מיידלעך, געטאַנצט איבער שטריקלעך
און געשפּרונגען דורך ראָזעווע רייפֿן
אין זוניקע טעג —

אין קראָטאָנאַ פּאַרק אונטער שאָטנס פֿוןביימער,
געפֿירט שמועסן
האָט מאָרים ראָזענפֿעלד מיט קאָלעגן;
געשטורעמט, זיך געבייזערט:
גערעדט פֿון זיין הערלעך ליד.

שטאַמען פֿון ביימער און וואָרצלען
האָבן איינגעזאַפּט געבייזער, געזאַנג,
שמועסן פֿון קאָריפֿייען
איבער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

ב

אויפֿן פֿערטן צענדליק יאָרן
געווירט מיינע ביכער-שאַנקען,
קאַסטנס ביכער;
זיך פֿאַרנומען אויף בראָנקס פּאַרק.

בראָנקס, מיין צווייטער פּאַרק,
צעבליט מיטביימער אין הונדערטער מינים;
איך ווייס ניט דעם יחוס פֿון זיי,
איך קאָן זייער שפּראַך ניט ריידן,
איך קאָן מער ניט בליען ווי זיי — — —

שפּאַן איך צווישן ביימער
איך צייל רינגען אין דעמבן־מין,
דערפֿריי זיך מיט דער סאָסנע,
מיט דער שטאַרקייט פֿון טעמעריסקן־בוים.
פֿון מיינע טויזנט ביימער:
ניט בויען וועט מען תּפֿיסות,
ניט שאַרפֿן תּליות פֿון זיי.
פֿעכערן וועלן זיי דורך מעת־לעתן,
צום הימל, צו דער זון, צו מיר — — —

ג

פֿון גירוש
פֿון פּאָגראָמען, געשטראָמט האָבן יידן
צו די ברעגן פֿון דער פֿרייער אַמעריקע.
אין מי, אין חלום,
געבויט דאָס לעבן אויף נייעם באָדן.

חדרים פֿאַר קינדער צו לערנען גאָטס וואָרט,
שולן אָפּצוהיטן עבודת הבורא;
אַ הייליקן אָרט — ווען די רעכטע צייט קומט
האָבן ייִדן אויך פֿאַרזאָרגט — — —

סידער פּאַרק,
אַ פֿעלד ליכטיקט אין גרינע בייטן
אויסגעסדרט, ווי שורות אין לידער;
שלאַנקע צעדערביימער — היטן מצבות.
סידער, מיין דריטער פּאַרק — — —

נאָכן דורכשוועבן די וואונדער־וועלט,
אין דער רעכטער צייט —
גרינען וועט דאָ מיין בייט
אונטערן פּערלמוטער־הימל,
אונטער אַמעריקאַנער פֿרייע ווינטן,
צווישן ייִדן,
וואָס האָבן געבויט,
וואָס האָבן געחלומט.

צו דיר

װען איך װעל אונטער זיבעטן שיכט רוען,
פֿאַרנעמען װעט מײַן האַרץ דײַן קומען;

טראָגן װעסטו שײנקײטן פֿון בלומען,
היאַצינטן װעלן אױפֿבינדן מײַן גומען.

שפּירן װעסטו דורכן שאָרך פֿון װינט
װאַרעמקײט פֿון זון װאָס פֿאַרבינדט;

מיטן אמת פֿון מײַן רײנעם געפֿיל —
צעעפֿענען ליפּן װעלן בלומען שטיל.

אונטערן הימל װעסטו זיצן קאָפּ געבױגן,
ציטער־טױען װעלן צערטלען דײַנע אױגן — — —

איך וואָלט וועלן

איך וואָלט וועלן: אַט אַזוי ניט ווערן.
זיך אויפֿלייזן אין וויברירנדיקן שטויבן־טאַנץ,
וואָס שעמערירן אין זיילן־זון און שטערן,
טראָפּנווייז אויסגיין זאָל מיין האַרץ.

און ווי פֿינגער פֿון אַ גוטער מאַמען
שטראַלן זאָלן אויפֿקלייבן מיין יעדן טרער;
איבער ערד־קיילעך און די זיבן ימען
צעטראָגן יעדן פֿון מיין נישט דעדפּילט באַגער.

די נסיעה

אַ געזאַנג האָט מיך דערוואַכט:
אין טיפֿן דרימל געווען איז די נאַכט.
פֿון מײַנע דלד אמות כ'בין אַרויס,
געשפּאַנט נאָכן רוף פֿון ניגון.
אויפֿגעפּראַלטע טירן פֿון באַלקאָן.
דרויסן געהילט אין נאַכט און שטערן;
ביימער־קרוינען
פֿאַרהוילן אין שלווה, אין סוד,
טרינקען הימלישן טוי —
געשאַנק פֿון גאָט פֿאַר זײַן באַשאַף:
פֿלאַנץ, טערמיט, געפֿליגל, מענטש.

פֿון מײַן טרויער
ניט אָפּגעטראָטן אויף אַ רגע,
אין פֿרייד ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל,
זאָל די נסיעה מיך דערהייבן —
מיך דערלייזן אויף אַ רגע
פֿון מײַן טרויער, פֿון מײַן פּײַן.

טראָג מיך לופֿטשיף
אונטערן הימל פֿאַרזייט מיט שטערן,
שטערן, —
זילבער־גלעקלעך, פֿאַרהאַלטן קלאַנג;
פֿאַרנעם איך דורך שטילקייט בן אָדמס חלום,
פֿאַרנעם איך דורך שטילקייט בן אָדמס געזאַנג.

שווימט די לופֿטשיף אין חלל,
סאַמעט־בלוי דער נאַכטיקער הימל;
שווים איך מערב אַנטקעגן.
מערב דערציילט פֿון דריטן חורבן:
דאַכאַו, טרעבלינקע, בערגנבעלזן.
די לופֿטשיף, ווי דער פּעליקאַן,
שניידט דעם וועג גיך און גענוי.

מיטן יינגסטן באַגינען לאַנדן מיר ביים רהיין,
שטיל שווימט דער טייך און טראָגט ליכטיקן הימל.
ווייט שפּרייטן זיך צעגרינטע פֿעלדער,
אַ מילדער ווינטל גלעט צייטיקע זאַנגען.
בלומען־ביימן סודען זיך אין טויזנט פֿאַרבן,
בלומען געקושט פֿון אויפֿגייענדיקער זון,
צעעפֿענען זיך בלעטעלעך ווי קינדער־ליפּן.

אויפֿן באָדן פֿון טעווטאָנישן פֿאָלק
געיאָגט האָט מען יידישע קינדער, געבייטשט!
זייער בלוט אין פֿאַרב פֿון דייטשע בלומען.
פֿאַרשטומט שפּאַן איך אויף בלאָקן
באַוואָקסן מיט מאַרגאַריטקעס, מיט גראָזן;
געשווידערט קוקנדיק אויף קוימענס,
אויפֿגעריסן — צו פֿאַרווישן דייטשע שאַנד
פֿון גאַז־קאַמערן, פֿון קרעמאַטאָריעס.

זון-שטראַלן נערן בלוט-רויטע בלומען,
זוך איך אַ קנייטש אויף דער זון —
אַ צייכן פֿון טרויער אויף יידישן חורבן.
פֿיבערט אויף מיין צעצונדן דמיון,
ברענט דער באָדן אונטער מיינע פֿיס.
טראָגן מיר זיך אין לאַנד פֿון דער ווייסל;
הונדערטער יאָרן האָבן יידן אויף פוילישער ערד געחלומט,
הונדערטער יאָרן האָבן יידן אויף פוילישער ערד געבויט.

פֿון אינקוויזיציעס, פֿון פּאָגראָמען,
פֿון ווייטע, פֿון נאָענטע גזירות,
געצויגן האָבן יידן צום שטילן גערויש פֿון דער ווייסל;
געבראַכט אויף פוילישער ערד געניטונג, חלום, געניום,
אויפֿגעשטעלט קהילהס, חדרים, כאָרן,
געזונגען האָבן יידן וואַנדער-לידער,
געזונגען האָבן יידן האָפֿנונג-לידער,
געזונגען האָבן יידן בענקשאַפֿטן נאָך ציון.

צופֿוסנס פֿון שטילן גערויש ביי דער ווייסל
געטאַנצט האָבן בעל-שם-טוב חסידים אַ ריקודל.
אין זאַקסישן גאָרטן געשפּאַנט האָבן יידן —
„שבת יום-טובדיקע יידן" מיטן פֿאָטער
פֿון דער צעבליטער יידישער ליטעראַטור;
געזונגען האָט מען פֿאָלקסלידער,
פֿון קעלער-שטוב אָרוים,
געזונגען האָט מען דאָס ליד פֿון נויט,
געזונגען האָט דער פּועל פֿון קאַמף — — —

גיי איך איבער גאסן פון װארשע,
איך זוך יידן פון האנדל-װאנדל,
איך זוך יידן אויף שול-הייפן, ישיבות,
חדר יינגלעך אין „קאפאטקעלעך, פאהלעך",
ניטא קיין יידיש פנים —
ניטא קיין בעטלער-זינגער אויף יידישע הייפן.
קלעטער איך אריבער די גרויליקע געטא-װאנט,
שפאן איך אויף חורבן, שפאן איך אויף טויט!

דורך פלאם
האבן יידן געהייליקט כבוד פון פאלק,
דורך פלאם
האט דאס יינגל געוויקלט זיין הארץ אין יידישער פאן,
אויף אדלער-פליגל געפלויגן אין דער אייביקייט.
פון אוהל-פרץ שטראלט ארוים א טרויער-געשטאלט,
ער קלאגט אויפן טויט פון יידישע קהילהס,
ער קלאגט אויפן טויט פון „שבת יום-טובדיקע יידן"
ער יאמערט אויפן גורל פון פאריתומטער װעלט — — —

שפאן איך אויף חורבן, שפאן איך אויף טויט!
ציגל אויף ציגל צעשליידערט, צעמאלן,
װענט שטיקער אויף שטיקער, טינק צעדריבלט,
שטילקייט מיין אטעם שטעלט אפ — טויט!
יזכור — װער װעט דערמאנען?
יזכור — װער װעט דערציילן?
קאן איך קיין שטיינער ניט טראגן —
װיקל איך זיך אין אש, װיקל איך זיך אין שטויב.

כ׳צעגראָב ליים אַ בערגל, כ׳שלעפּ אַרויס אַ לעפּעלע —
געקאָרמעט האָט אַ מאַמע איר קינד, אַ מעשהלע דערציילט:
ניטאָ די מאַמע, ניטאָ דאָס קינד —
דאָס שוידער־מעשהלע איז דאָ —
מיט נאַקעטע פינגער, מיט נעגל, מיט ציין,
איך גראָב בערגל אויף בערגל און גראָב.
איך שלעפּ אַרויס טאָוולען פון ביכער געדרופּטע,
בלעטלעך צעקנייטשטע, צעריבן, אין בלוט־פלעקן;
כ׳זוך ווערטער, שורות, אַן אות.
כ׳לייען אַרויס פון אַ צעוואונדיקט בלעטל אַ שורה:

— „האָף און גלויב" —

אויף פליגל פון גלויבן
אָנגעקומען צו דער גרויסער אסיפה.
ביים האַלב־רונדן טיש פון וועלט־טריבונאַל,
געוואָרט האָט מען אויף איין מיטגליד,
זי קומט אָן,
אין ווייסן קלייד, דורכגעלויכטן איר בליק;
עולם שטעלט זיך אויף לכבוד דער דאַמע.

בליץ־לאָמפּן צעפּלייצן דאָס ליכט אין זאַל,
יעדער מיטגליד פאַרנעמט זיין אָנגעצייכנט אָרט;
בייגנס פּאַפּיר גיבן אַ פלאַטער איבערן טיש,
מיניסטאָרן זעצן אַרויף ברילן אויף די נעז.

דער פאָרזיצער רופט אויס:
גנעדיקע דאַמע און הערן קענען זיך ווענדן צום וואָרט.

ערשטער מיניסטער:
אַ יונגע מדינה דאַרף זיין מער נאָכגיביק.

צווייטער מיניסטער:

אַ מדינה וואָס ציילט קנאַפּע דריי מיליאָן טאָר ניט זיין האַרטנעקיק.

דריטער מיניסטער:

אַ מדינה וואָס האָט זיך ערשט אויסגעפּיקט,
דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַר קרוין און טראָן!

פערטע מיניסטאָרין:

געהערט האָב איך זאָגן, אַז מיין מדינה איז יונג,
מיין מדינה איז פיר טויזנט יאָר אַלט,
מיט אַן איבערריים פון צוויי־טויזנט־יאָריקן חלום,
אַ חלום פון אַ פאָלק פאַרגייט ניט מיט דער נאַכט — — —

אַ חשובער מיניסטער האָט געזאָגט:

אַז מיין מדינה ציילט קנאַפּע דריי מיליאָן,
מיין מדינה ציילט ניין מיליאָן:
דריי מיליאָן אַקערן און בויען,
זעקס מיליאָן טראָגן אַ מאָנונג צו דער וועלט.

געהערט האָב איך זאָגן:

אַז אַ יונגע מדינה דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַר קרוין און טראָן.
אונדזער קרוין (כתר) איז אויף גאָרע ספרי־תורה,
אויף אונדזער טראָן (כסא הכבוד) זיצט השם יתברך,
אונדזער פיר טויזנט יאָריקע געשיכטע קאָן דערציילן:
פון חורבן, קרייצצוגן, גירוש, קרעמאַטאָריעס,
אונדזער יונג, אויסגעהלומטע מדינה קאָן איצט זאָגן:
ניטאָ די האַנט וואָס קען אָפּשטעלן דאָס ברויזן פונעם ים,
ניטאָ דער כוח וואָס קען אויסלעשן דאָס ליכט פון
יעקבס שטאָם — — —

געזאַנג פון אַ סאַבראַ

פֿאַר דיר, ישראל, מיין יעדן טראָפּן בלוט,
פֿאַר דיר מיין חלום, פֿאַר דיר מיין וואָר;
אונטער דיין הימל אין בלויער קלאָר
געשטיפּט, אונטער דיין צעדערבוים גערוט.

וואַרף איך מיין יונגן בליק צוריק
און כ׳פֿריי זיך מיט יענע ליכטיקע טעג:
מיין יינגלישע זאָרגלאָזיקייט, מיין גע־יעג
נאָך טויבן ווייסע אויף געפּעסטיקטער בריק.

טויזנט פּרעהס לויערן אויף ישראל׳ס לעבן,
שטאַרק איך מיין גלויבן אין די נעפּל־טעג,
און שעפּ כוח וואָס מסדה האָט מיר געגעבן,
ווען וואָלקן־זיילן פּאַרטונקלען ישראל׳ס ברעג.

פֿון ישמעאלס שייטערס טראָגן זיך ביז היינט פֿלאַמען,
טראָגן מיר פֿלאַקערס אויף יהודה בערג, זיין שנאה צאַמען.